איף מידות מוז א ייד שווער הארעווען,
ס׳געגוגנט נישט בלויז מיטן הארץ באגערן.

מ׳קאן די טיפסטע עניוות פראווען
און ס׳זאל די גאר גרעסטע גאות ווערן —
מען זעצט זיך אייבן־אן ארויף,
מ׳קנייטשט, מ׳גלאצט דעם גלאנציקן גלאצע־שטערן.

א, מ׳מוז צוערשט א משה זיין,
צו די שפל־הרוח קענען געהערן.

מאוד מאוד הוה שפל־הרוח,
„טוב מאוד זה המות:“ שטייט געשריבן,
און האט נישט משה בעסער דעם טויט —
„אם אין מחני־נא: — אויסגעקליבן?

זע, גאנץ אויסגעמעקט געוואלט ר׳האט זיין,
און דער אומשטערבלעכסטער גאר געבליבן.

4

א „שמיני שבשמינית“ ס׳מוז א מענטש, מסתם, האבן,
אויב נישט, העלפט ער מיט אייגענע הענט ס׳גוטע באגראבן;
און ס׳קריכן די מייז און די ראטן דעם פארקן אריבער,
און פון דעם, וואס געוואקסט, ס׳בלייבט קיין שפור נישט איבער.

א „שמיני שבשמינית“ ווי קאן מען דאס אויסמעסטן?
ביי אזא חשבונען, וואס בלייבט פון גדול, פונם גרעסטן?
באר גרויס בושה ער קאן אין דער ערד אריינוואקסן,
אחוץ א מין חסיד־שוטה מיט געמאכטע פאקסן.

זאגט מען מאקע נאך א גוט ווארט פארן ווילנער גאון:
„דער אכטער פסוק אין דער אכטער סידרה הייבט זיך אן
„קטינתי מכל החסדים ומכל האמת“ —
איף דעם־א ס׳איז דער שמיני שבשמינית דער רמז“.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460-66 38סטער יארגאנג אקט.־דעצעמ. 1977 לאנדאן

אינהאלט:

לידער לכבוד ירושלים און לכבוד שבת ........ *** 3
דער שרייבער פון צוויי קולטורן ........ ש. גאלדשמיד 17
שלום עליכם ........ יוסף שמעון ווײנשטיין 18
צו לייוויקס פופצענטער יארצייט ........ אסתר ערליכמאן 25
יאנאש קארטשאק ........ משה דאמב 27
נישט צו דערקענען (לידער) ........ עלא זילבערג 28
שטערן איף מיין וועג ........ סעם גאלדבערג 30
סעם גאלדבערגס מזל־טוב פראדאקשן ........ דוד בערמאן 38
אברהם ערלעכמאן ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 39
ליד אין פאסטנאכט (ליד) ........ שיע טענענבוים 40
א חתן־בחור (ליד) ........ אייזיק גאלדבערג 41
ווידמונג (לידער) ........ א. נ. שטענצל 42
געהיל אין יראהס ווערטער ל. בארוויק, מוזיק מאיר באגדאנסקי 47־48
לאנדאנער יידישע קולטור ידיעות
דאס היז איף ווייטשעפל־אלדגייט וו שלום עליכם האט געוווינט
ווען ער איז געווען אין לאנדאן—פאטא: שלום אלמאן

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער ישראל פרעמיער, מנחם בעגין, ביי זיין מלוכה־באזוך אין לאנדאן איז פייערלעך אויפגענומען געווארן פון א גרויסן עולם, מנהיגים פון ענגלישע יידישע קהילות און אינסטיטוציעס אין סאנט־זשאנדס־ווּד־סינאגאגע. סאיז געווען א חנוכה־נאכט, האט דער חשובער גאסט אנגעצונדן די מנורה און געהאלטן א פייערדיקע רעדע.

* * *

ביי דער לעקציע אין „יידישן קולטור ווינקל", איבער שלום עליכמען פון פראפעסאר דוב סדן, וואס איז געווען א גאסט אין לאנדאן אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי איז געווען פארזאמלט א גרויסער עולם. יידישע שרייבער האבן דעם גאסט באגריסט. דעם פארזיץ האט געפירט י. ח. קלינגער.

* * *

ביים גלעזל טיי, איינגעארדנט פונם יידישן שרייבער־פעראיין, פאר פראפעסאר דוב סדן פון ירושלים־אוניווערזיטעט האבן דעם גאסט באגריסט יוסף לעפטוויטש, דר. יעקב מייטליס, י. א. ליסקי, משה לעדערמאן אא. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקעל.

* * *

לכבוד יוסף לעפטוויטשס 85 געבוירן יאר האט די רעדאקציע „דזשואיש קראניקל" איינגעלאדן יידיש־ענגלישע און יידישע שרייבער צו א גלעזל אויף א לחיים לכבוד דעם בעל יובל. נאך די באגריסונג פון שעף רעדאקטאר האט לעפטוויטש געלייענט אן עסיי איבער זיין יוגנד־צייט אין יידישלעכן ווייטשעפל.

* * *

דער זון פון אונזער פריינט בענקוויטש ע"ה איז פלוצלינג געשטארבן אונזער טיפן מיטלייד צו דער גאנצער משפחה.

* * *

דער שבת חנוכה איז געווען געווידמעט ב די יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס דאס פערציקסטע יאר פון זייער עקסיסטענץ אין ווייטשעפל.

* * *

סאיז ארויס א נומער 3 „יידישקייט". רעדאקטאר י. ח קלינגער.

* * *

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט דוד שפעטמאן, דער זון פון הרב שפעטמאן ז"ל, צום פלוצלינג טויט פון זיין פרוי רבקה ע"ה.

* * *

צו דער 15טער יארצייט פון ה. לייוויק האט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג גערעדט איבער לעבן און שאפן פון גרויסן יידישן דיכטער אסתר ערליכמאן.

* * *

צו דער 60סטער יארצייט פון מענדעל מוכר ספרים איז געווען א שבת געווידמעט אונזער גרויסן קלאסיקער.



טייני סטר. 120, ווייטשעפל־אלדגייט ווו שלום עליכם האט געוווינט ווען ער איז געווען אין לאנדאן. פאטאגראפירט: שלום אלמאן

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460-66 38סטער יארגאנג אקט.־דעצעמ. 1977 לאנדאן

## פרשת ויצא תשל"ח

(לידער לכבוד ירושלים און לכבוד שבת)

גייען צוויי נטורי־קרתא־יידן
שבת פון שול אין מאה־שערים,
איינער דעם טלית הויך איבערן קאפ,
דער צווייטער טראגט אים ברייט אונטערן ארעם:

„צי הייסט ער נישט טאקע מנחם?
און וואס איז דער טייטש בעגין אויף יידיש?
דער אנהייב — אתחלתא דגאולה!
לאמיר מאכן דעם אמתן קידוש".

אזוי פון דער שול, אזוי פון צווייטער —
פול מיט לחיימס גאנץ ירושלים!
מיט געזאנג, מיט טאנץ, מיט פרייד מיט גרויסער:
„וואס גאט צוגעזאגט, זע, ר'איז מקיים!"

אין רחוב יהודה, אויף הר־הרצל,
מיידלעך געשמירטע, אין שיך לאקירטע,
טאנצן הוּיראס, מיט זייערע בחורים,
שטאט אין מלחמה־שלאכטן מארשירטע,

דער שבת פרשת „ויצא יעקב"
פון יידיש הארץ שטיין אראפגענומען —
יעדן יידן צוקאפנס ער ליגט — א טרוים:
אתחלתא דגאולה — משיח געקומען!

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

460-66 | 38סטער יארגאנג | אקט.־דעצעמ. 1977 | לאנדאן

## פרשת ויצא תשל״ח

(לידער לכבוד ירושלים און לכבוד שבת)

גייען צוויי נטורי־קרתא־יידן
שבת פון שול אין מאה־שערים,
איינער דעם טלית הויך איבערן קאפ,
דער צווייטער טראגט אים ברייט אונטערן ארעם:

„צי הייסט ער נישט טאקע מנחם?
און וואס איז דער טייטש בעגין אויף יידיש?
דער אנהייב — אתחלתא דגאולה!
לאמיר מאכן דעם אמתן קידוש“.

אזוי פון דער שול, אזוי פון צווייטער —
פול מיט לחיימס גאנץ ירושלים!
מיט געזאנג, מיט טאנץ, מיט פרייד מיט גרויסער:
„וואס גאט צוגעזאגט, זע, ר׳איז מקיים!“

אין רחוב יהודה, אויף הר־הרצל,
מיידלעך געשמירטע, אין שיך לאקירטע,
טאנצן הויראס, מיט זייערע בחורים,
שטאט אין מלחמה־שלאכטן מארשירטע.

דער שבת פרשת „ויצא יעקב“
פון יידיש הארץ שטייט אראפגענומען —
יעדן יידן צוקאפנס ער ליגט — א טרוים:
אתחלתא דגאולה — משיח געקומען!



## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער ישראל פרעמיער, מנחם בעגין, ביי זיין מלוכה־באזוך אין לאנדאן איז פייערלעך אויפגענומען געווארן פון א גרויסן עולם, מנהיגים פון ענגלישע יידישע קהילות און אינסטיטוציעס אין סאנט־זשאנדס־ווּד־סינאגאגע. סאיז געווען א חנוכה־נאכט, האט דער חשובער גאסט אנגעצונדן די מנורה און געהאלטן א פייערדיקע רעדע.

• • •

ביי דער לעקציע אין „יידישן קולטור ווינקל“, איבער שלום עליכמען פון פראפעסאר דוב סדן, וואס איז געווען א גאסט אין לאנדאן אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי איז געווען פארזאמלט א גרויסער עולם. יידישע שרייבער האבן דעם גאסט באגריסט. דעם פארזיץ האט געפירט י. ח. קלינגער.

• • •

ביים גלעזל טיי, איינגעארדנט פונם יידישן שרייבער־פעראיין, פאר פראפעסאר דוב סדן פון ירושלים־אוניווערזיטעט האבן דעם גאסט באגריסט יוסף לעפטוויטש, דר. יעקב מייטלים, י. א. ליסקי, משה לעדערמאן אא. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקעל.

• • •

לכבוד יוסף לעפטוויטשס 85 געבוירן יאר האט די רעדאקציע „דזשואיש קראניקל“ איינגעלאדן יידיש־ענגלישע און יידישע שרייבער צו א גלעזל אויף א לחיים לכבוד דעם בעל יובל. נאך די באגריסונג פון שעף רעדאקטאר האט לעפטוויטש געלייענט אן עסיי איבער זיין יוגנט־צייט אין יידישלעכן ווייטשעפל.

• • •

דער זון פון אונזער פריינט בענקוויטש ע״ה איז פלוצלינג געשטארבן אונזער טיפן מיטלייד צו דער גאנצער משפחה.

• • •

דער שבת חנוכה איז געווען געווידמעט ב די יידישע ליטערארישע שבת נאכמיטאגס דאס פערציקסטע יאר פון זייער עקסיסטענץ אין ווייטשעפל.

• • •

סאיז ארויס א נומער 3 „יידישקייט“. רעדאקטאר י. ח קלינגער.

• • •

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט דוד שפעטמאן, דער זון פון הרב שפעטמאן ז״ל, צום פלוצלינג טויט פון זיין פרוי רבקה ע״ה.

• • •

צו דער 15טער יארצייט פון ה. לייוויק האט ביי די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאג גערעדט איבער לעבן און שאפן פון גרויסן יידישן דיכטער אסתר ערליכמאן.

• • •

צו דער 60סטער יארצייט פון מענדעל מוכר ספרים איז געווען א שבת געווידמעט אונזער גרויסן קלאסיקער.



טיני סטר. 120, ווייטשעפל־אלדגייט ווו שלום עליכם האט געווינט ווען ער איז געווען אין לאנדאן. פאטאגראפירט: שלום אלמאן

## „לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו"
(די פרייד אין ירושלים דעם שבת)

פון מצרים האבן מיר פארן ארבעטס־מענטש
דעם ערשטן פרייען טאג אין וואך ארויסגעטראגן,
און ווען א רוצח הייבט אויף א האנט אויף דיר,
זאלסטו אים, איידער ער דיך, צוערשט דערשלאגן.

צעשענדיק די שטיינער פאר די פיראמידן,
האבן מיר געלערנט די לוחות אויסצוקריצן,
די ערשטע געזעצן פאר די מענטשן־קינדער
ס׳לעבן און דעם מענטשלעכן כבוד צו באשיצן.

אייב מצרים אויסגעקליבן געווארן
פאר די וואונדער־מעשות אין דער תורה צו שרייבן,
„לא תתעב מצרי"! ווייל צוזאמען מיט אונז
אין דער מענטשלעכער אייביקייט זיי וועלן בלייבן.

איבער פיר טויזנט יאר אין געשטאנען ווידער
אויף טויט און אויף לעבן איינער אקעגן צווייטן —
נשתנה ס׳איז געווארן! פון נייע נסים
ווידער פרישע תורה־קאפיטלעך צוצוגרייטן.

אויב אבער דרייען? מיר קאנענס בעסער פון אים!
וויפיל הגדה־מכות פון די 10 געווארן — —
יא גאט איז א קל רחום וחנון, אבער
ווען ס׳צינד זיך אן זיין קל־נקמות־צארן ! ! !

## צו דער אונ"א
— אן אפענע קארט —

נאכן אומברענגען די זעקס מיליאן
וואלטן מיר דען ווייטער געקענט לעבן,
ווען נישט דאס ביסעלע נחת, וואס
ארץ־ישראל אונז צוריקגעגעבן?

צוויי טויזנט פינסטערע חשכות־יאר
אין ווילדן פיבער־חלום געלעגן,
וויאזוי צו זיך צוריקקומען,
מיט בערג מתים פארזייט אלע וועגן?



אזא איינשפריץ די געבליבענע,
אז פון גרויס צער זיי זאלן נישט שטארבן,
זיינען זיי דאך די לעצטע יורשים,
זאל זייער נחלה פרעמדע נישט ארבן!

אויב אייער צוזאג איר צוריק נעמט,
נישט מיר אונזער לאנד וועלן פארלירן — —
דעם גלויבן אין אייך, אין אייערווארט — —
ווי צו אייך אויב דאס־א ס׳וועט פאסירן!

אויב אזוי איר אנגייך? ס׳וועט נאר זיין
איינס דאס אנדערע זיך אויסצוקעפן!
מיר אבער וועלן בלייבן שטיין אויף
י־רו־ש־ל־יי־מס הייליקע טרעפן.

## פאר דער כותל

„כי אבן מקיר תזעק"!
יעדער כותל־שטיין וועט שרייען,
אויב אפגעריסן ווערן,
ס׳וועט פון אונז ירושלים.

צי קאן א מענטש לעבן,
אייב דאס הארץ ארויסגעשניטן?
פונקט אזוי ישראל אן דיר,
עיר־הקודש אין איר מיטן.

דער גאנג ארויף־א צו דיר — —
געזאנג פון אלע געזאנגען!
נישט פארגעסן ווער איינמאל,
עולה־רגל נאר געגאנגען.

די בערג ארום דיר ווי שטאלץ —
א מצווה־טענצל זיי טאנצן!
קוק חתן־כלה־בליקן,
גאנצן ארום גליק באגלאנצן.

הייליק די עיר עתיקה — —
געטובלט אין חדוה־טרערן!

א, אן די קינדער אין איר,
ז׳וועט ווידער א חורבה ווערן.

„כי אבן מקיר תזעק״ — —
ווי מיט אונזערע געוויינען?
ליגן בלייבן אונטער איר,
געמשפטע צו פערשטיינען —

## ד י  כ ו ת ל

ווען א פאלק וויינט אריין,
צוויי טויזנט יאר זיין טרויער,
הארטסטער שטיין שוין צומאל
באקימט אן אפן אויער —

„אזנים לכותל״!
נאר ווי גרויס דער באדויער,
אן עבד־כנעני מ׳ווערט —
ס׳אויער כאטש נעם און בויער!

אהבה־יסורים,
ווי גרויס, ווי אומגעהויער:
כ׳הער טאטנס געוויין — „שע־
רי ציון״, „תקון־זוהר״.

כ׳זע זיין טרערן גערין,
איבער בארד איבער גרויער:
פון מיטן נאכט־חצות
ביזגל כלחוך־השור.

ס׳הארץ קלאפט: משיח קומט,
הער די טריט פון זיין חמור?
ווי ס׳ציט זיך אן אויפהער,
אזוי־א מדור לדור — — —

הנך כלבין דחציפין,
ביי דעם גאולה־טויער,
שטייען בילנדיקע,
מיט הינטישן געלויער —

„אזנים לכותל״
צי וועט גאט שטיין ביי „צהר״,
זיך צוקוקן ס׳גייענ־
אונטער ישראלס בויער?

א, נישט ברענגען ער וועט
א מבול־אומגעהויער —
דאך געשווירן! אבער
א בלוט־באד — אלץ קאפויער?

## ביי דער כותל איצט

דאס ערשטע מאל ביי דער כותל־מערבי
מיט טרערן אין די אויגן כ׳בין געשטאנען,
דאס וואס נישט צו פארשטיין, קוים משיג צו זיין,
דעמלט באותה הרגע כ׳האב פארשטאנען.

אמת, גאט האט דעם מענטש פון ערד געקנאטן,
אבער זיין הארץ פון א שטיין געטון שניצן,
און דאס גאנצענע לעבן דאס ווארט „אמת״,
מיט ציין מיר האלטן דערויף אין איין קריצן.



און ווען דאס מענטשעלע א מת אויף דער ערד,
א טויטער שוין ער טוט שוין טוען ליגן,
ער האלט נאך אלץ ביים ערשטן אות, ביים „אלף״,
זיין „לעצט ווארט״ צומאל איז אויך מלא ליגן.

אייביק זי וועט שטיין, די כותל מערבי,
און אייביק דער מענטש ביי איר שטיין און וויינען,
ווייל אלץ, וואס ער טוט, ער מיינט נישט אמת,
נאר זיך צו באשיינען און אויסצופיינען.

ס׳דריטע מאל איצט ביי כותל כ׳בין געשטאנען
אין די אויגן שוין נישט געהאט קיין טרערן:
גאט, אויב וועסט דעם מענטש קיין ניי הארץ נישט געבן,
פון דער וועלט ווייסטו וואס עס וועט איצט ווערן?

ביי דעם „ווענטל״ וועסט צוזאמען מיט אונז שטיין,
קייגנאיבער זאלפ פון אטאם־געווערן,
די קולות וברקים ביז צום בארג סיני,
ווי ביי קבלת התורה מ׳וועט דערהערן.

## א פסוק איז ווי מ׳טייטשט אים

. . . למשל: ד׳ עוז לעמו יתן,
ד׳ יברך את עמו בשלום״:
ווען דער שונא ווייסט מ׳איז מיט כלי־זין מזומן
און פאלט ער אן? פאלט ער אליין דער באזיגטער!
ליגט ער ווי א קעצעלע שטילינק איינגעלייגט
און אין די אייגעלעך זיינע א בליק א פרומען.

זעט א קאץ א שוואכינג מיזעלע מייזעלע
מיט די אויגן און וואנסעס נעמט זי ווילד דריקען
פיילנבויגן געבויגן איר רוקן טוט זי קרומען.
איר קעניקלעך בליק, מאיעסטעטיש איר שריט ווערט
ס׳טוט זיך איר דוכטן מיט איין פלינקן קאצן־שפרונג
אין די גאנצענע גארע וועלט כאטש איינגענומען —

באמת, קצתי בחיי, אויב דאס־א מיינט מין מענטש:
צווערשט זיך שחטן ווי די בהמות אויף כשר,
דערנאך ערשט צו דער חתונה־סעודה קומען;

זיך אנפרעסן, אזש בלוט איבער די וואנסעס רינט,
„שיר־המעלותדיק" די בלוטיק נעגל זיך וואשן,
כדי דערנאך ערשט צו קענען בענטשן במזומן.

דעם „אהבת לרעך כמוך" — — —
דאס געטלעך העכסטע, דאס מענטשלעך טיפסטע געבאט,
צי קאן מען עס דען ווי מען וויל, עס אויסטייטשן —
א קאמא נאר נאכן ואהבת שטעלן
און פעלקער, פארטייען איינס ס׳צווייטע זיך צעפליישן.

## „א זמרל, א זמרל"

האלטן יידן זיך צוזאמען,
דורך פייערן און דורך פלאמען,
לעבעדיק אדורך גייען זיי.

צי ל.ייענט זיך נישט ג.אטס נאמען
ווען די קינדער פון אברהמען
צוזאם בשלום ס׳שטייען צוויי?

אז יידן נעמען זיך קריגן,
די שונאים אונזערע זיגן,
און צו אונז איז אז אך און ווי.

אויב ס׳וועט אטאם־באמב זיך שפאלטן,
קיינער נישט מער שוין אויסהאלטן,
„חי וקים!" דעמלט כאטש שריי —

צי איז דען נישט צום לאכן?
דא סזעלבע ווארט ש ד טוט מאכן,
ווען דאס אות יוד נישט דאבייי.

האלטן יידן זיך צוזאמען,
שפאלטן זיך פאר זיי די ימען,
און פון קנעכט־לאנד ארויס מ׳גייט פריי.

## באלאדע

צוויי האבן זיי זיך געלעבט אין דארף:
איינער א ייד א שניידער,
דער צווייטער א פראסטער שוסטער;
גאנצע וואך דער קאוועט שטיוול,
יענער דושיבעט זיך קליידער.



דער מיט דער נאדל און פאדעם,
דער מיט האמער און פלעקלעך,
דאס עסן געווען צו דער זעט;
נישט געפעלט ס׳שטיקל ברויט, חלילה,
די קינדער — רויט די בעקלעך.

געקומען דער שבת, יעדער
ביים טיש ליכטיק געזעסן,
זמירות אויף קול זיך געזונגען,
און בשר ודגים צו זעט
פאר גאנצע וואך געגעסן.

נאכן שבת־שלאף דער שוסטער,
איז צום חיט געקומען,
אוןביידע פון איין תהלימל,
פסוק נאך פסוק מיט ניגון,
תהלים זאגן גענומען.

דאס גאנצע דארף, ס׳גאיעס דעמלט,
ארום פענסטער געשטאנען
די היטלעך געקנייטשט אין די הענט;
טיף־קניענדיק זיך געציילעמט,
כאטש קיין ווארט נישט פארשטאנען.

אדורכפליענדיקע פייגל
זיך אפגעשטעלט אויף צווייגן,
צו די צוויי תהלימדיקע,
צו דעם „ברכי־נפשי"־געזאנג,
זיך, צוגעהערט מיט שווייגן.

פארברענט ס׳איז שוסטער און שניידער,
מיט די קינדער צוזאמען,
און אין דארף אן תהלים־ווארט
ס׳איז ג.אט אליין אויפגעגאנגען,
אין קרעמאטאריע־פלאמען —

ווען פייגל איצט ס׳דארף פליען דורך,
הערן זיי אויף צו זינגען.
נישט צו קיין מארגן־תפילה מער —

צו א שריפה אינמיטן נאכט
קירכן־גלעקל ס׳טון קלינגען.

## שבת

### א

גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
דערלייז דאך ס׳פאלק ישראל פון אלע שלעכטקייטן,
און זאל דאך משיח שוין קומען צו רייטן,
אויסלייזן די גאנצע וועלט אויף אלע צייטן.

און ערשט ביים צוגרייטן די מלווה־מלכה!
די קארטאפל אינם טעפל ארייננשיילן — —
די מעשיות דעמלט זיי פלעגן זיך דערציילן,
ס׳הארץ פאר א גאנצענער שווערער וואך זיך היילן.

### ב

שבת־צונאכטס דעם „דוד מלך ישראל־טאנץ״,
ביי מלווה־מלכה חסידים געזען טאנצן,
געזען האט ווי דעם רשעות פון דער גאנצער ערד
ממש אפגעווישט ווערט און אויפהערט אינגאנצן.

ווען חסידים געטאנצט ביי מלווה־מלכה,
האט דער הימל געגלאנצט מיט מיליאנען בליקן,
גאט ברוך־הוא אליין האט געטון מיטטאנצן,
און די גאנצע ערד האט באקומען א תיקון.

## יענער פרייטאג־צו־נאכטס אין קאצק

יענער פינסטערער פרייטאג־צו־נאכטס,
די שבת־קידש ליכט פארלאשן;
מיט געשריי „לית דין ולית דיין״
געשטאנען ער איז שטום, אן לשון.

ווילאנג ער איז אזוי געשטאנען?
אן אייביקייט עס האט געדויערט!
די הענגלייכטער טרערנדיק געטריפט,
די ווענט ארום אבלדיק געטרויערט.



מיט תשעה קבים אנגעגאסן,
די תושבים טויט געבליבן זיצן.
דאס דונערדיקע זיך־צעלאכן,
משונהדיק די אויגן בליצן —

קשהדיק קוקט דער חידושי הרי״ם,
ממש פשוט גארנישט פארשטאנען:
צי איז אויף אזא הארבער קשיא,
וועלכער מין תירוץ דען פאראנען?—

דאס ווילדע, דונערנדיקע לאכן,
משונהדיק די אויגן בליצן;
איבער גאנצן, ציטערנדיקן גוף
געשפירט ער האט דאס ציינער־קריצן.

ווער ס׳האט נאר אביסל כוח געהאט,
זיך ארויסגעשארט אינם חושך — —
„מרדכי יוסף, לויף זיי נאך געשווינט,
ווער דאך אצינד דער כוח־המושך!״

מיט דעם געשריי און זיין יחוד־שטוב,
אן ארעסטאנט, זיך אפגעשלאסן;
גאנצע טעג געשפאנט אהער־אהין,
די נעכט יאמערן אין די חצותן:

„ווי, וואס איז שכינתא בגלותא
קייגן דעם, וואס יידן אויסהאלטן?״
און ביז דער מארגנשטערן גייט אויף
ס׳הילכן די נעכט פון די געוואלטן —

„אויב ס׳קומט מיר סקילה, טא קום אראפ,
טו מיך, ווי דער דין איז, פארשטיינען״!
א קיזלשטיין האט געקענט צעגיין,
ווער ס׳האט געהערט זיינע געוויינען:

„ס׳האט דער חוזה, מיט זיין חבריא,
אים, משיחן, נישט געקענט ברענגען!
טא קום דאך דו אליין איצט אראפ
און טו, ווי דער דין, מיך אויפהענגען.

„לא אזוי ממקומי, ביי דיר כ'שווער,
איר ריר מיך נישט פריר פונדאנען — —
אייב דו וועסט דיך נישט באווייזן,
כ'וועל לייקענען, אז ביסט פאראנען — — —

„איז דא א טאטע אינם הימל,
קוקט צו וואס יידן אויסגעשטאנען"—
זיבעצן גאנצע יאר געדויערט
דאס ווילדע אהין־אהער שפאנען.

° ° °

און ווידוי געשטארבן — אלעמען,
נאר נישט גאט, ער האט נישט פארגעבן!
זיינע לעצטע רייד: עפענט ס'פענסטער,
די נשמה וויל ארויס „פארגעבן".

## דעם תפארת-שלמהס נסיעה קיין סאנדז

ראפטום כאפט זיך דער תפארת־שלמה אויף
און וועקט דעם שמש: „מיר וועלן נאך סאנדז פארן!"
מיט שלאף־פארטערטע אויגן קוקט יענער
און הערט: „א רגע זיך זוימען מיר נישט טארן!"

ער קוקט אויפן רבין, א פחד כאפט אים אן,
דערזעט ווי טרערן פון זיינע אויגן רינען:
„שנעל, לויף ארויס, ס'ערשטע פערד־און־וועגעלע,
די ערשטע געלעגנהייט, וואס וועסט געפינען".

פערד? באפליגלטע אדלערס זיינען דאס געווען!
ממש טיף אין הימל ארויף געפלויגן — —
שמואל שמש, פינם געוואלטיקן פחד,
כסדר געקוועטשט די קורצזיכטיקע אויגן.

° °

געצונדענע שבת־קודש ליכט אין די פענסטער
שוין געלויכטן, ווען זיי זיינען אנגעקומען;
מיט זיין זריזות, התלהבות, געוואלטיקן,
גליאיקע מקווה לכבוד שבת נאך גענומען.

ווען דער ראדאמסקער איז צום טיש געקומען,
האט ר' חיים סאנדזער דער צדיק, דער גאון,



פארן חשובן גאסט,ביים פירן טיש
געהייסן נאך א שטול צוצושטעלן אויבנאן.

דער סאנדזער זיך געזעצט, אבער דער אורח
דער ראדאמסקער, ביי דער זייט שטיין געבליבן.
זאגט דער רבי: „שטייט נישט כל־מה שיאמר לך
בעל־הבית הייליק אזוי אויפגעשריבן?"

„חוץ מצא", האט דער תפארת־שלמה געענטפערט:
און כבוד געהער דאך צו יענע זאכן,
וואס מוציאין את האדם מן־העולם".
מיט א שמייכל דער סאנדזער גענומען קידוש מאכן.

ביים שלוש־סעודות, נאך תורה זאגן,
אים מכבד געווען מיט „ויאתיו" זינגען;
ביי „ויתנו לך כתר מלוכה"
גאנצער עולם אויף די פיס אויפגעשפרונגען.

ווי דער גלגלים־גאנג, ווי דאס עשר־ספירות־
געזאנג, רעדל אין רעדל זיך געטון דרייען;
ווי חדווהדיק שטיל די ניגונים נישט געווען,
האבן הייך געוואלדעוועט טיפע אוי־ווייען.

ביז מלווה־מלכה דער טאנץ זיך געצויגן!
„ראדאמסקער רבי, די טריט פון משיחן
אין די ריקודים איך האב געטון הערן,
במהרה בימינו קומען ר'זאל אינגיכן". .

דאס צווייטע בענקל, וואס דער סאנדזער רבי
געהייסן אוועקשטעלן, איז נאך אלץ געשטאנען;
דער ראדאמסקער — מיד דערין אריינגעפאלן,
שטיל זיך צעוויינט — דער סאנדזער האט אלץ פארשטאנען.

„ראדאמסקער רבי, אויב מיר קאנען אים נישט ברענגען,
אבער אים טאנצנדיק אקיגנגעגאנגען!
מיין צאפלדיק הארץ איר האט מחיה געווען,
מיט אייערע שלוש־סעודות־געזאנגען".

ס׳האט דער סאנדזער נישט מוציא ושנתו געווען,
און משיח אין זיינע טעג איז נישט געקומען;
די „אליהוס" דער ראדאמסקער געזונגען —
ווארקענדיק א טיב, ווײנענדיק, געטון ברומען.

## דוד מלך ישראל חי וקים

אזוי זעט דאס פאלק ישראל זיין קעניג,
אין האנט דאס תהלימל, נישט די שווערד!
מיט א שטיינדל פלשתים־העלד ער באזיגט —
ג‏אט ער ברענגט אראפ צו די מענטשן אויף דער ערד.

דער טיפסטער פאעט און דער גרעסטער העלד,
וואס געוועזן אמאל די מענטשן באשערט:
„דוד מלך ישראל חי וקים"—
אז האס צווישן מענטשן אויף אייביק אויפהערט.

און דוד המלכס תהלימל
וואלט מענטש—צומאל ג‏אט—געהאט וואסער ווערט?
א פסאלם־פסוק ס׳שעפטשען שטיל צוויי ליפן,
און ס׳פינסטער־פארביטערסטע הארץ ווערט דערהערט.

ס׳ווערט גוט, ס׳ווערט געהייליקט, ס׳ווערט ג‏אט־גלייך,
ס׳איג פון געוואלטיקער גוטסקייט פארטרערט:
דוד מלך ישראל חי וקים,
אזא קעניג געווען ווען אויף דער ערד:

ס׳שטייט פאר דיר באזיגט דיין גרעסטער שונא,
דיין נאכיאגער, וואס דיין לעבן ער באגערט,
און ער גאר פון זיין בעטנדיקן מויל
אזעלכע תחנונים־ווערטער גאר דערהערט:

„נאך ווען יאגסטו דיך, נאך אן אלטן הונט,
נאך אן איינציקער פלוי, וואס קריכט אויף דער ערד?"
אזוינס געקענט געשען, דאך צו האפן
ס׳שלעכטס פון דער ערד דאך אמאל ווערן צעשטערט.



## דאס גאולה - געזאנג

לכבוד חנוכה תשל״ח

אויף דעם מסתם גלות געגאנגען,
אז מיט גרויס ליבשאפט די גאנצע ערד,
ווערן זי זאל ארומגענומען — —
וויפיל אהבה ס׳איז דאס אויף איר,
אויב מיר דאך נישט גאנץ אומגעקומען.

פון אומעטום פון דארט, פון דאנען,
„מי זאת עולה כתמרות עשן"?
ביזגל די קרעמאטאריע פלאמען!
און אצינד אין ארץ ישראל,
מיר זאמלען זיך אלע צוזאמען.

איז פאראנען א לאנד פון וואנען,
מיט בלוטיקער, מיט ווילדסטער שנאה,
מיט רציחה אונז נישט געטריבן?
וויפיל גוטסקייט מוז זיין אויף דער ערד,
אז מיר דאך ביים לעבן געבליבן?

א ג‏אט איבער דער וועלט פאראנען,
וואס דעם שוואכן באשיצט און באהיט,
מען קאן עס דען בעסער באווייזן,
ווען נאך צוויי טויזנט יאר גלות
דאך כוח געהאט זיך אויסצולייזן?

די ליידן וואס מיר אויסגעשטאנען,
א מענטשלעכער מוח זי משיג זיין?
פונקט אזוי די חדוה אצינדער!!
דאך פאראנען א טאטע־פאטער,
און אלע מענטשן זיינע קינדער.

## אורי-צבי גרינבערג צו זיינע שנות-גבורות

ביי מיין ערשטן מאל
אין הייליקן לאנד
ר׳האט מיך צוגעפירט
צו דער מערב־וואנט.

נישט דירעקט צו איר,
א קויל־שאָס פון איר ווייט —
אויף א מויער דאָרט
פּיינט מיט ביקס זיך דרייט!

ביי שטעכיקער דראָט
געבליבן כ׳בין שטיין,
געהערט א גריזשען
פון ישן תחת שיין.

אויבן אין הימל
די זון האָט געשיינט;
פון דער כותל כ׳הער
ווי די שכינה וויינט —

גייענדיק אהיים'
אויפן וועג צוריק,
אירס א טרער געזען
הענגען אין זיין בליק.

## מארק שאגאלן צו זיינע תשעים

פינם שטעטל אזש ביז פּאריז,
מיטגענומען דאָס פּינטעלע ייד;
ווי וואונדערלעך זיך צעפינטלט —
א שטערן! אויף הימל א יאריד.

לאשעקל פארבענקט צוריקבליקט,
דאָס פערדל אבער גאלאָפּ פאָרויס —
דאָך נישט פארגעסן מיטנעמען,
וואָס פון פלאָם גראַטעוועט ארויס.

טרערנדיק הימל צעפינקלט,
קדושים געהייליקטע זיך געמיט;
פון שטעטל גארנישט געבליבן,
ביידעם זיך אויסגעלאָזט פון יאריד.

דאָך זעט ווי אינזער ישראליק,
מיט צעקעמטער באָרד אויף דאך־ראנד,



גייט זיך פּאוואָלינקע און שטאָלץ
צוריק אין זיין געהייליקטן לאַנד —

טאָ וואָס קאָן מען אזא איינעם,
אונזער רענואר, אונזער וואן־גאך,
ווינטשן: ווייטער אנצוגיין
טהור־לויטער — שמן זית זך.

## דער שרייבער פון צוויי קולטורן

פון ש. גאָלדשמידט

יוסף לעפּטוויטש איז א פיל־זייטיקער מענטש און שרייבער. איינער פון זיינע טעטיקייט־געביטן איז זשורנאליזם — זשורנאליזם ממש און ניט גלאט שריפטשטעלעריי. און אין דעם פרט שרייב איך אלס א געוועזענער רעדאקטאָר (און היינטיקער פארוואלטונג־מיטגליד) פון דער יידישער טעלע־גראפן־אגענטור.

לעפּטוויטש איז געווען אונזער צווייטער רעדאקטאָר, אויב מען רעכנט אלס ערשטן מאיר גראָסמאן ז״ל, אונזער גרינדער. נאָך אים זיינען גע־קומען וויקטאָר בינשטאָק, עטא שיק, דזשאָפריי פּאול (היינט רעדאקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל״). איך בין געווען דער זעקסטער. „לעפּטי״ בלייבט א מיטגליד פון דער ייט״א־משפחה!

ערשט דאן קומט יוסף לעפּטוויטש דער פיינער שרייבער און גרויסער איבערזעצער.

מיר האָבן געהאט גרויסע איבערזעצער אין יעדן דור — פון די סאמע ערשטע צייטן פון אונזער ליטעראטור. אבן־תיבון, דעם רמב״ם איבערזעצער ווען דער מייסטער האָט געשריבן אראביש; סעדיה גאון, וועלכער האָט איבערזעצט דעם תנ״ך פאר תימנער יידן; און ביז יצחק דוד בערקאָוויטש, שלום־עליכמ׳ס איבערזעצער; נחום שלוש, גוסטאוו פלאבער׳ס איבערזעצער; ברוך קרוא, דיקנס׳ס איבערזעצער; דוד פרישמאן, אָסקאַר ווײַלד׳ס איבערזעצער; אברהם שלאָנסקי, שעקספּיר׳ס איבערזעצער, וועלכער האָט אויך, דרך אגב, איבערזעצט פון רוסיש און יידיש אויף העברעיאיש. לעפּטוויטש איז אין דער דאזיקער טראדיציע: ער האָט אינ־טערגענומען שלום אש, זלמן שניאור, דוד בערגעלסאָן, יצחק באשעוויס־זינגער, איציק מאנגער, חיים גראדע, אהרן צייטלין. כ׳האָב די ליסטע ווייט ניט אויסגעשעפּט.

ווי אלע איבערזעצער איז אונזער יובילאר א מענטש פון צוויי קול־טורן און א „התרוצצות״, אדער סכיזאָפרעניע, אויב איר ווילט. ער באַ־שטרייט זיי ביידן און אנשטרענגונג און שעפּט כוחות פון ביידן.

אין אונזער דור איז ער א פיאנער צווישן יידישע שרייבער, וועלכער שפאנען אנגלא־זאקסישע קולטור אין יידישע קולטור. צווישן זיינע ייִנגערע קאלעגן זיינען פאראן א היבש ביסל, אבער ער איז דער וועגווייזער פון אונז אלעמען.

פינף־און־אכציק: וואס איז פינף־און־אכציק? מיר עלטערן זיך ניט אלע אויפן זעלבן אופן. מאנכע זיינען אלט צו פופציק און מאנכע זיינען יונג צו ניינציק. מאנכע ווערן געבוירן אלט . . לעפטוויטש איז נאך ניט אלט און מיר דערווארטן נאך פון אים עפעס. ער האט געעפנט דעם קוואל פון יידיש פארן נעכסטן דור נאך אונז, וואס קען מער קיין יידיש ניט, און ער שעפט נאך כסדר פונעם דאזיקן קוואל און גיסט איבער פון כלי צו כלי, ווי די ליצים פלעגן זאגן וועגן איבערזעצונגען. דערווייל — סאלוט.

יוסף שמעון ווינשטיין

# שלום עליכם

## צום יארצייט פון זיין פטירה: מאי 1916־1977

### פון מיינע זכרונות

אין קאירא, מצרים, וואו כ׳בין געבוירן און געלעבט כמה וכמה יארן, האבן מיר באקומען די טרויעריקע בשורה פונעם פריצייטיקן טויט פון שלום עליכם, אין דער זעלבער וואך ווען ער איז נפטר געווארן אין ניו־יארק, דעם 13־טן מאי 1916, שבת אין דער פרי, אין דער עלטער פון בלויז 57 יאר.

דער אידישער קונסט פעראיין, פון קאירא, האט לכבוד דעם חשובן נפטר צוגעגרייט א „הספד־אווענט" אין דער אשכנזישער שיהל, דאנערשטאג דעם 25 מאי 1916. א גרויסע צאל אשכנזים, פרויען און מענער, זענען געקומען אבגעבן דעם לעצטן כבוד דעם גרויסן שריפטשטעלער פון דער אידישער ליטעראטור.

אלס פרעזידענט פונעם קונסט פעראיין, האב איך מיטגעטיילט די אנוועזנדע בנוגע דעם גוואלדיקן פארלוסט וואס מיר האבן געליטן מיט דעם טויט פון איינעם פון די זיילן פון דער אידישער ליטעראטור: שלום ראבינאוויטש, באקאנט און באליבט ביים פאלק אינטערן פסעודאנים פון „שלום עליכם". איך האב איבערגעגעבן א קורצע ביאגראפיע פונעם געניאלן שרייבער און וואונדערבארער „הומאריסט", וועלכער האט בארייכערט דאס אידישע ווארט מיט זיין פאלקסטימלעכן סטיל, מיט זיינע ליבהארציקע מעשהלעך, לכבוד די אידישע יום־טובים, וועלכער האט קינסטלעך באשריבן זיינע פריילעכע דערציילונגען און מייסטערהאפט אפגעמאלן די טיפן פונעם אידישן לעבן!



אין די 36 יאר עקזיסטענץ אין קאירא, פונעם אידישן קונסט פעראיין — 12 סעפט. 1912 ביזן 14־טן מאי 1948—ביים אויפלעבן פון מדינת ישראל—האט די מצרישע פאליציי געלאזט צושליסן אלע אידישע אינסטיטוציעס—חוץ רעליגיעזע אנשטאלטן—האבן מיר, אין די 4 צענדליק יארן אויפגעפירט—צווישן פארשידענע אנדערע קאמעדיעס און דראמען—כמעט אלע שלום עליכמ׳ס פיעסן, איניקע פון זיי איבערגעשפילט מערערע מאל, סצענירט זיינע מאנאלאגן און זיי געשפילט מיט דערפאלג: „דאס גרויסע געווינס" האבן מיר געשפילט 4 מאל—אויך „צעזייט און צעשפרייט", און „דעם גט"—4 מאל, „טביה דער מילכיקער", די איין־אקטער „מזל טוב", „מענטשן", „א דאקטאר" „עולם הבא", „אגענטן" זענען אויפגעפירט געווארן איבער צען מאל.—ביי די מערערע ליטערארישע אווענטן, פלעגט תמיד יוערן פארגעלעזט שלום עליכמ׳ס א הומאריעסקע . . . אין דער עגיפטישער רעגירונגס „בראדקאסטינג", האט דער קונסט פעראיין געגעבן שבת־צו־נאכט און לכבוד די אידישע יום־טובים—ראדיא פראגראמען פון אידישער ליטעראטור, מוזיק און געזאנג, וואו שלום עליכמ׳ס א „שטיקל"—איז ניט פארפעלט געווארן . . . אויף די עונג־שבתים פון דער אשכנזישער געמיינדע און אויף די אפטע פארוויילונגען פון די פארשידענע אידישע פעראיינען, בין איך געווען דער רעציטאטאר פון שלום עליכמ׳ס א „זאך". . . איך דערמאן זיך ווען, אין יאר 1937—מיט א 40 יאר צוריק—האט דער פרעזידענט בשעתו פון דער אשכנזישער קהילה—ד״ר ישראל גאלדענבערג ע״ה—איינגעלאדן די „פני"—פון דער אידישער קאלאניע צו זיך אין שטוב אויף א „קערמישל", און מיך געבעטן פארלייענען פאר די געסט א פאר שלום עליכמ׳ס הומארעסקעס—די אנוועזנדע זענען זיך ממש מחיה געווען צו הערן שלום עליכמ׳ס פריילעכע מעשה׳לעך. מ׳האט געהערט אויסשיסן פון אלע זייטן הילכיקע געלעכטער אן אויפהער, און איינער פון די געסט, א „היפשע לידי" האט זיך אזוי שטארק געווארפן לאכנדיק, אז זי איז ארונטערגעפאלן פון איר שטול!. . . — פארשטייט זיך אז די ניט דערווארטעטע קאמישע סצענע, האט ארויסגערופן, אויף דאסניי, דעם גרעסטן גערודער און א געלעכטער ניט צום באשרייבן . . . נאכן אפדאנקען מיך, האט ד״ר גאלדענבערג איבערגעגעבן, אז בעת זיין משפחה האט געלעבט אין קיעוו—ארום 1910—פלעגט זיין פאטער—פון צייט צו צייט—איינלאדן צו זיך אין שטוב, פעטערס און מומעס און אזוי באקאנטע אויף א מלוה־מלכה שבת־צונאכט. אפט פלעגט זיין פאטער אויך איינלאדן א חשובן גאסט, ר׳ שלום ראבינאוויטש—שלום עליכם—וועלכער איז געווען דעם פאטערס א ידיד. נאך דער וועטשערע, איז מען צוגעשטאנען צו שלום עליכם" ער זאל „עפעס" זאגן. שלום עליכם, וועלכער האט שטענדיק ארומגעטראגן „פאפירלעך" אין דיקעשענעס, האט אונז צוליב געטאן . . . און זייענדיק א גלענצנדער פארלעזער פון זיינע שריפטן, האט ער פארגעלעזן איניקע פון זיינע פערלדיקע מעשה׳לעך—כ׳דערמאן

זיך געני—האט ד״ר גאלדנבערג צוגעגעבן—גלייך ווי ס׳וואלט געווען היינט: די ענלעכע פריילעכע שטימונג האט דאן ביי אונז געהערשט, דער זעלבער ברייטער געלעכטער . . . —כ׳וויל צוגעבן—האט ד״ר גאלדנבערג ממשיך געווען—אלס א „שבח״ פאר פריינט ווינשטיין, אונזער היינטיקער רעציטאטאר פון שלום עליכמ׳ס שריפטן, דאס בשעת ער האט פארגעלעזן, וואלט איך שווערן אז כ׳האב דערהערט שלום עליכמ׳ס שטימע, די זעלבע אינטאנאציע, דער זעלבער אויסדרוק, נאך מער: דאס זעלבע באוועגן מיטן נאז, דאס זעלבע אויסטייטשן מיט די הענט, פונקט ווי דער געניאלער הומאריסט שלום עליכם!

בעת די צענטליקער געשעענישן אויף דער בינע, בעת די 40 יאר אויפטרעטן אלס ליבהאבער פון אידיש טעאטער, וועל איך איבערדערציילן אייניקע פון זיי, וואס האבן א שייכות מיט שלום עליכמ׳ס טעאטער פארשטעלונגען: אין יאר 1915—זונטאג דעם 5־טן דעצעמבער, האט דער אידישער קונסט פעראיין פון קאירא, אויפגעפירט א אידישע „מאטינע״ לכבוד יום־טוב „חנוכה״, מיט פארשידענע ליטעראטור פון חנוכה, געזענג, און פארענדיקט מיט „מענטשן״, שלום עליכמ׳ס איין־אקטער. אין מיטן שפילן „מענטשן״ האט מען דערהערט ביים פובליקום א גוואלדיקן רעש און געשרייען . . . אויף דער בינע האבן מיר זיך שטארק דערשראקן: אפשר חלילה א שריפה!. . — וואס איז געשען? . דאס האט איינער פון די צושויער, אן אויפגעקומענער גביר, וואס איז, מיט 50 יאר צוריק, געווען אנגעקומען אין קאירא, א קבצן א בארוועסער פון רומעניע, ארומגעגאנגען מיט א קעסטעל און פארקויפט מעשענע קייטעלעך, ברילען, שפילקעס, נאדלען, קעמעלעך, און מיט דער צייט געווארן רייך. געהייסן האט ער יוסף ביינים און גערופן האט מען אים יאסל פארעך . . . ווייל, ראשית, פלעגט ער פון שטענדיק אן טראגן א שייטעל . . . והשנית, איז ער געווען א ביטערער קמצן, א קארגער נפש, געטריבן פון זיך די ארעמע, אויף זיין לעבן ניט געשאנקן קיין נדבה, אפילו ווייב און קינדער האט ער געזשעלעוועט דעם גראשן. וואס איז שייך? א קארגער פארעך . . יאסל פארעך איז געזעסן מיט זיין משפחה אין א לאזשע אין טעאטער, און ווען מ׳האט געשפילט שלום עליכמ׳ס „מענשן״—האט „הערץ״—דער משרת אינעם איינאקטער, קריטיקירט זיינע בעלי־בתים פאר זייער ניט ארענטלעכקייט און געזאגט:—אזוי פיל מכות אויף זיי!. . . אזא יאר אויף זיי!. . ניט מער זאלן זיי דאס פארמאגן! . א צווייטער משרת אין הויז, „פישל״—אויך א „מענש״—שטרעקט אויס זיינע קולאקעס ארויף־צום ערשטן שטאק—וואו זיינע בעלי־בתים געפינען זיך, און שיט אויף זיי פעך און שוועבל:—א חלירה, א מיתה־משונה, 17 חלירעס, 18 מיתה־משונות זאל איך אנכאפן און זאל איך קויקלען און און אויסקויקלען איינציקווייז . . .
— ביי דער טיראדע האט יאסעל פארעך אויסגעשריגן בקול רם צו זיין כאליאסטרע:—אהיים קומט! לאמיר אוועק!. . .—מיר האבן דא ניט וואס



צו טאן! מיר זענען ניט געקומען מ׳זאל פון אונז חוזק מאכן!. . אדער באליידיקן! .— אזא חברה שקצים . באסיאקעס . גראבע יונגען!—אהיים!—אהיים קומט!. . .—ס׳איז געווארן א טומעל און א פאפעריי ביים עולם, און אין א גוואלדיקן גערידער האט די משפחה ביינים פארלאזט דעם ספעקטאקל . . . .

א צווייטע געשעעניש האט פאסירט אויף דער בינע, זונטאג דעם 24 יוני 1917: דער אידישער קונסט פעראיין האט דאן אויפגעפירט א נשף לכבוד דעם אנדיינק פון שמעון פרוג ע״ה, געשטארבן דעם 20 סעפטעמבער 1916. חוץ די ביאגראפיע פונעם נפטר, פון אידיש־נאציאנאלער פאעט פרוג, איז אויך רעציטירט געווארן אייניקע פון זיינע פאעמעס, און דערציילונגען, און פארענדיקט האבן מיר מיט „א דאקטאר״ שלום־עליכמ׳ס איינאקטער. עס איז דאן געווען זומער־צייט, די זון האט געהאט געבאקן און געשטיקט דעם גאנצן טאג ביז שפעט אין דער נאכט. און בעת מיין אויפטרעטן אין דער ראלע פון „שלום שדכן״—אינעם „דאקטאר״—האב איך זיך פלוצים געפילט ניט גוט אויף צו חלשן! כ׳האב זיך ניט פארלוירן, און געבעטן שטילערהייט א חברה—וואס איז געשטאנען ביי די קוליסן פון דער בינע—זי זאל מיר שנעל ברענגען וואסער, ווייל איך פיל ניט גוט. די חברה, אדעלע ראבינאוויטש ע״ה—איז אוועק און באלד געקומען צוריק מיט א קרוג קאלט וואסער. איך האב מיך צוגערוקט ביז אונטער די קוליסן, און די חברה האט מיר דערלאנגט אין א גלאז אביסל וואסער וואס כ׳האב קוים גענומען צו די ליפן . . . און דערזעענדיק מיין פארחלשט בלייך פנים, האט זי א פליאך געגעבן דעם קרוג וואסער, גלייך מיר אין געזיכט!. . .—נו, נו—פרעגט שיין ניט: דאס שטריימל מיינס איז געווארן פארליאפעט, מיין קאפאטע אויסגעווייקט, די באָרד מיינע אויסגעצוואגן . . וואס זאל איך אייך זאגן? ממש אויף אויסצודרייען . א רעגעלע קאטאסטראפע!. . און דא, דארף איך גלייך צוריק זיין אויף דער בינע . . . דער עולם האט מיך אויפגענומען מיט א שטורמישן געלעכטער . . .—איר לאכט?—רוף איך מיך אן צום פובליקום—וואס זאגט איר ניט בעסער צו אזא שטוב?!. . פון דאנען בין איך אוועק, ווייל מאן און ווייב האבן זיך געאמפערט:—א דאקטאר—א סוחר!. . נאר א דאקטאר!—נאר א סוחר!. . . האב איך מורא געהאט, אז פון זייערע קריגערייען, וועל איך די ערשטע קלעפ אויסכאפן, און ארויס מיט צעבראכענע ביינער, בין איך אריין אין קיך, און דארט, אט די שיקסע, אז פארשרפה׳ט זאל זי נאר ווערן, אט די דינסט־מויד כאפט און ליאפעט מיך אפ מיט אן עמער וואסער פון קאפ ביזן די פיס!. . .—נו, וואס זאגט איר ניט צו אזא מרשעת? . . א חוצפה פון א מויד?! . דער עולם האט ממש אנגעקוולן פון מיינע חכמות—אייגענע פארפאסונג—געווען איז דער פובליקום זיכער אז די סצענע געפינט זיך אין טעקסט . . און שלום־עליכמ׳ס „א דאקטאר״ איז אדורך מיט גרויס דערפאלק!. . .

א דריטע געשעעניש איז פארגעקומען זונטאג דעם 25 אפריל 1920—מיר האבן געהאט אויפגעפירט א נשף, לטובת די צדקה אנשטאלטן פון דער אשכנזישער געמיינדע. געשפילט האבן מיר אינעם עגיפטישן קעניגלעכן טעאטער, דער גרעסטער און רייכסטער טעאטער אויף גאנץ אריענט. און מיר האבן געגעבן שלום עליכם׳ס 4 אקטער „דאס גרויסע געווינס" סוף 3־טן אקט, געפינט אויף דער בינע „עטי־מעני", די באלעבוסטע—היינט הייסט זי שוין „ערנעסטינא יעפי—מאוונא"—איינגעטונקען אין זייד און אין סאמעט, באהאנגען מיט שמוק און צירונג—לעבן איר שטייט, ביילקע, איר טאכטער, און צוויי דינסטן וואס באדינען די „דאמע". . וואס גרייט זיך צו גען אויף אן איינלאדונג ביי די פיינס, רייכע גוט־באזיצער . . עס קומט אריין פון אן אינערלעכן צימער „שימעלע שניידער", —עטי מעניס מאן—היינט הייסט ער שוין „סעמיאן מאקאראוויטש"—וועלכע ראלע איך האב געשפילט—א צילינדער־הוט אויפן קאפ . . דאס ווייסע העמד איבער די הויזן, און ראנגעלט זיך בעת מעשה מיטן הארטן קראכמאלעטן קאלנער פונם העמד, וואס ער דערגרייכט ניט צוקנעפלען . . עטי־מעני!—שרייט שימעלע—טפו! מיין איך:—ערנעסטינא יעפי־מאוונא—וואו ביזטו?—וואס פאר א קאלנער האסטו מיר צוגעגרייט?. נאר אויף דערווארגן ווערן! . . . עס שפארט מיר ארויס די אויגן פון קאפ—כאטש נעם און טהו זיך אן א מעשה . . . היינט וואס איז דאס פאר א קוימען אויפן קאפ? עס ברעכט מיר־איין האלדז און נאקען . . . ביי דער קאמישער סצענע, האט דאס פובליקום אויסגעשאסן אין א הילכיקן געלעכטער. אויף אונזער „סופלאר"—געווען דער טאטע מיינער—האט זיך שטארק צעלאכט, און די ברילען זיינע אזעלכע „צוויקערס", וואס מען רופט „פענסנע", האבן זיך ארויפגעגליטשעט פון זיין נאז, און, ווילנדיק זיי דערכאפן האט זיין האנט פארטשעפעט דאס טעקסט־ביכל . . נו, נו—פרעגט שוין ניט: דאס ביכל צוזאמען מיט די שפאקולן זענען ארויסגעפאלן פעט אונטער דער בינע . . . מיין פאטער האט צו מיר געמאכט פארצווייפלטע מימיקעס, ווי איינער זאגט:—כ׳בין פארלוירן . . וואס טוט מען? . . דערזען מיין פאטער׳ס זשעסטן און זיין הילפלאזן שטומען רוף, בין איך לאנגזאם צוגעגאנגען צום סופלארס בודקע, און צווישן בין איך ארויס מיט א „חכמה" דעם עולם צו אמוזירן, און שטילערהייט געזאגט צו מיין פאטער:—גיה און נעם אלעס צענויף, איך וועל דערווייל אויפהאלטן דעם פובליקום . . .—כך הוה: מיין פאטער האט מיך געפאלגט, און איך, בשעת מעשה, האב געברענגט וויצן און חכמות—וואס כ׳האב דאן געזאגט, געדענק איך בשום אופן ניט—נאר דער עולם האט געלאכט . . ביז מיין טאטע זיך באוויזן מיט דעם טעקסט־ביכל אין האנט און די ברילען אויף דער נאז, און דאס שפיל איז פארגעזעצט געווארן, גלייך ווי גארניט וואלט געשען . . .

נאך א פאסירונג וויל איך דערציילן בנוגע שלום עליכמ׳ס א פארשטע־



לונג געווען איז עס אין חודש יוני 1936. כ׳בין דאן געפארן פון קאירא אויף א שפאציר קיין פאריז. ווי כ׳בין נאר אנגעקומען, האב איך דערפארן אז א סאוויעט־אידישע אקאדעמיע טעאטער טרופע, פון 50 אקטיארן און 50 מוזיקאנטן, געפינט זיך אין פאריז און פירט־אויף מיט גוואלדיקן דערפאלג, דריי אידישע דראמעס: „מסעות בנימין השלישי", פון מענדעלע מוכר ספרים א דערציילונג, פארוואנדלט אין א טעאטער־שטיק, „דאס גרויסע געווינס", פון שלום עליכם, געשפילט אונטערן נאמען: „200 טויזנט", און גאלדפאדענס: „די כישוף מאכערן"—אדער „באבע יאכנע"—די פארשטעלונגען ווערן געגעבן ביי א פול געפאקטן עולם. אויפן צווייטן טאג בין איך גלייך געווען מיך פארזארגן מיט בילעטן פאר די 3 ספעקטאקלען: ליידער זענען אלע פלעצער פאר דעם „סעזאן" געווען שוין לאנג אויספארקויפט. כ׳האב זיך אויך דערוואוסט, אז נאך פאריז, פארט די טרופע קיין „ברוסעל"—בעלגיען, געבן 10 פארשטעלונגען, און 6 אין „אנטווערפן". דעם זעלבן טאג בין איך געפארן קיין ברוסעל, און דארט אויך קיין בילעטן ניט געפונען: אלע אויספארקויפט. בלויז אין אנטווערפן האב איך געקענט באקומען בילעטן פאר די דריי פיעסן. צוריק אין פאריז, האב איך געווארט ביז די פארשטעלונגען האבן אין אנטווערפן אנגעפאנגען.

וואס זאל איך אייך זאגן?. . אלע 3 ספעקטאקלען זענען געשפילט געווארן „יוצא מן הכלל". . . אויסערגעוויינלעך, פראכטפול! כ׳וועל זיך בלויז אפשטעלן אויף שלום־עליכמ׳ס „200 טויזנט": ראשית כל, קיין שום דעקאראציע אויף דער בינע, די קוליסן זענען באשטאנען פון פארהאנגען, פון וועלכע ס׳איז געווען אויסגעארבייט טירן און פענצטער, קיין שום מעבעל אויף דער בינע, חוץ א פאר הילצערנע נידעריקע זעסלען . . . אין 1־טן אקט שטייט שימעלע שניידער ביי א פרעס־טיש, מיט א פרעס־אייזן אין האנט, און זינגנדיק, א לידל, פרעסט ער א מלבוש . . . עטי־מעני, די ווייב זיינע, זיצט אויף א הילצערן קליין ביינקעל א קוישל לעבן איר, און שיילט קארטאפל . . . מאטל און קאפעל, צוויי געזעלן, זיצן ביי 2 ניי־מאשינען און פאריכטן אלטע פלודערן . . . אויף דער בינע איז ניטא ניט קיין טיש צו פרעסן ניט קיין מאשינען צום נייען, און שימעלע האט קיין שום פרעס־אייזן אין האנט . . . אבער דאס קלאפן פון שימעלע מיטן פרעס־אייזן, דאס געריידער פון די מאשינען דאס אלעס איז אויסגעפירט געווארן, פינקלעך, דורך דעם ארקעסטער מוזיק. און אזוי איז מיט די איבעריקע אקטן. למשל, ווען שימעלע עפענט א פארמאכטע פלאש וויין און גיסט־אן איניקע גלעזער וויין פאר געסט, הערט מען אויפמאכן די פלאש, דאס אנגיסן וויין אין די גלעזער, און אפילו דאסק לאפן פון די גלעזער ביים טרינקען „לחיים"—אבער „לא דובים ולא יער"—אויף דער בינע איז ניטא ניט קיין פלאש וויין און ניט קיין גלעזער: אלעס איז דורכגעפירט, און אזוי מייסטערהאפט, דורך דער מוזיק!

דאס שפילן פון די אקטיארן איז געווען אויסערגעוויינלעך, גלענצנדיק,

יעדער אקטיאר האט פארקערפערט זיין ראלע, איינפאך, נאטירלעך און מיט דערפאלג! חוץ לזה, איז „שלום עליכמ׳ס 200 טויזנט“—ווי אויך די אנדערע צוויי פיעסן, געגעבן געווארן אלס א פראפאגאנדע „מיטל“ פאר קאמוניסטישן צוועק . . . למשל, דער 1טער אקט פון שלום־עליכמ׳ס „200 טויזנט“ ווייזט די ארעמקייט פון שימעלע שניידער, וועלכער ווערט אן רחמנות גערודפט פונעם בעל־הבית פון זיין דירה, מר פיין, פאר די מערערע חדשים דירה־געלט וואס ער איז שולדיק . . . אין 2־טן אקט, האט שימעלע שניידער געמאכט א „גרויסן געווינס דורך א לאטעריע צעטל . . . ער ווערט איינגעלאדן מיט זיין ווייב און טאכטער אויף א „נשף“ פונעם זעלבן בעל־הבית, מר פיין, וואס זוכט חתונה מאכן זיין זון מיט שימעלעס טאכטער . . . 3־טן אקט, ביים רייכן מר שטיין געפינען זיך מערערע געסט, מענער און פרויען, וועלכע האבן קיין אנדער געשפרעך ווי נאר אפלאכן און זאגן רכילות איינער אויפן אנדערן . . . פון 4־טן אקט, ווען „שווינדלער“ האבן ביי שימעלען אויסגענארט זיין געלד, גיט ער א זאג א צופרידענער:—דאנקען גאט — כ׳בין צוריק שימעלע דער קבצן:—וועל איך מער קיין זארג ניט האבן!.

דער גוטן איינדרוק וואס שלום עליכמ׳ס „200 טויזנט“, ווי אויך די אנדערע צוויי פארשטעלונגען פונעם סאוויעטיש־אידישער אקאדעמיע טעאטער־טרופע, האט אויף מיר געמאכט, אין יאר 1923, איז מיר געבליבן אין זכרון עד היום הזה!

אסתר ערליכמאן

## צו לייוויקס פופצענטער יארצייט

איך ווייס, אז איך וועל ניט זיין די איינציקע צו באערן דעם אנדענק פון איינעם צווישן די גרעסטע דיכטער אין אונזער צייט — דעם גרויסן הומאניסט און אוהב־ישראל, קעמפער פאר דער יידישער שפראך און קעמפער פאר פרייהייט; די עלנט פון דער וועלט איז דעם דיכטער כסדר נאכגעגאנגען, אים צורו ניט געלאזט. ער האט געזאגט:

איך ווייס אין יעדנס הארץ איז דא א ליכטיקייט,
א שיין, אויף וועלכער שוועל דו זאלסט ניט שטיין
קלאפ אן און גיי אריין!

דער נס לייוויק, איז אויך דער נס פון אסך אנדערע שרייבער און דיכטער, וואס זיינען ארויסגעקומען פון דער יידישער, ארימער היים. לייוויק איז געבוירן געווארן אין יאר 1888 אין איהומען, ווייס־רוסלאנד, מינסקער גובערניע א שטאט א יידישע מיט וואונדערלעכע יידן. איך בין דארט געווען אפאר מאל, ווייל איהומען איז געווען ניט ווייט פון אונזער



שטעטל. איך האב נאך צו יענער צייט ניט געוואוסט, אז איך דארף זיין שטאלץ מיט מיין לאנדסמאן.

לייוויקס טאטע האט געשטאמט פון גרויסן רבנישן יחוס. נאר צוליב ביטערער חיונה האט ער געמוזט לערנען מיט שניידער־מיידלעך אביסל עברי און שרייבן א יידיש בריוול. זיין מאמע, אסתר רבקה, כדי ארויסצוהעלפן מפרנס זיין א הויזגעזינט פון ניין קינדער פון וועלכע לייוויק איז געווען דער עלטסטער, פלעגט זי אויפשטיין פארטאג און זיך אוועקשטעלן באקן ברויט און בייגל, וואס זי פלעגט פארקויפן אויפן מארק.

צו צוואנציק יאר אין 1908, זיצנדיק אין מינסקער תפיסה, שאפט לייוויק זיינע ערשטע צוויי דראמאטישע פאעמעס אין יידיש: „די קייטן פון משיח“ און „א נשמה אין גהינום“.

ער באנוגנט זיך ניט מיט די דאזיקע ערשטע ליטעראַרישע שאפונגען זיינע, ער ווערט טעטיק אין בונד. באטייליקט זיך אלס דעלעגאט אויף דער מינסקער־ראיאן קאנפערענץ פון בונד און פאלט אריין אין טורמע, אין יאר 1906. נאך דעם ווי ער זיצט אפ צוויי יאר ביז דעם אורטייל ווערט ער פארמשפט אויף פיר יאר קאטארגע און שפעטער אויף אייביקער פארשיקונג קיין סיביר.

און עס אנטשטייט די פראגע פון אלע פראגעס: זיינען די מענטשן געטיילט אויף אונטערדריקער און אונטערדריקטע אדער בייטן זיך די ראלן? דער נעכטיקער אונטערדריקטער ווערט מארגן אן אונטערדריקער ווי נאר די קייטן ווערן אויף אים צעריסן. די איבערלעבונגען פון דער טורמע און סיביר לאזן איבער טיפע שפורן אין זיין פיין־פילנדיקער נשמה.

אין 1913 געלינגט לייוויקן צו אנטלויפן פון סיביר און ער קומט אן קיין אמעריקע. זיין ערשטער בוך לידער דערשיינט דארטן אין 1919, און גלייך נאך דעם זיין ווערק „דער גולם“, וואס ווערט געשפילט פיר הונדערט מאל אויף דער סצענע אין יידיש, העברעאיש, ענגליש, דייטש און פויליש.

אינמיטן 1952, צו דער פופציקסטער יארצייט נאך הירש לעקערטס תליה, פארעפנטלעכט ער אין ערשטן־מאי נומער פון „דער צוקונפט“ א זער כאראקטעריסטישן דיאלאג צווישן מאנומענט פון לעקערטן און דעם פון כמיעלניסקין, ארויסברענגנדיק וואס עס פילט א יידישער מענטש אין אנבליק פון א כמיעלניצקי־מאנומענט . . . גאר באזונדערס ווען יידיש אין יידיש לעבן ווערן נאך אלץ פארפאלגט.

ריידנדיק אויפן קולטור־קאנגרעס אין פאריז וועגן דער יידישער ליטעראטור, פארענדיקט ער זיין רעדע מיט דער פאלגנדיקער באשרייבונג פון דער יידישער ליטעראטור: „דער ווייסער יום־טוב־טיש, איבער וועלכן עס האט זיך געפריידט דאס געלעכטער פון מענדעלען, דער ליכטיקער שמייכל פון שלום־עליכמען, דער פלאמיקער קוק פון י. ל. פרצן; דער טיש, וואס האט געשמעקט מיט פרילינג־בעז — איבערן דאזיקן טיש

הענגען איצט צייטיקע סעפטעמבער־עפל און א געזאנג טראגט זיך דורך זיי, א געזאנג, וואס איז דורכגעדרונגען פון רייזינס „מאי־קא משמע לן“ ביז צו ליעסינס סיבירער יורטע, דארט וואו עס קייקלט זיך די לענא און ביז צו דער ניי־מאשין פון ראזענפעלדס בלייכן אפערייטער און ביז צו דער סידותדיקער שטילקייט פון יהואשס לעצטער טיר, און ביז צו ביאליקס „שטאט פון הריגה“. און איבערן יום־טוב־טיש וויגן זיך ווי פון קופער־געהעמערטע אפּאטאשוס „פוילישע וועלדער“, און עס נייגן זיך צו אים זאנגען פון ראבאיס „ווייטער וועלט“, און עס טאנצן ארום אים פיסלעך פון בערגלזאנס „פענעק“ און פיס און כאדאקעס פון קאדיע מאלאדאווסקיס „דזשיקע גאס“ און די בארוועסע פיס פון כאריקס „פיניע פון מינסקער בלאטעס“ און די גרויסע פיס פון אשס „מאטקע גנב“ און קאברינס „יאנקל בוילע“, און עס שארן זיך שטיל די גרין־פעלדערדיקע טריט פון הירשביינס „לוי יצחק“ און טריט, וואס קומען פון ראלניקס „ארום מיל“ און ניו־יארקער טריט פון איגנאטאווס „גערטרוד“ און די פארשעמטע טריט פון מנחם זאנוויל רימער. עס טראגן זיך איבערן טיש פון די שייטער־געזאנגען פון לעיעלעס „שלמה מולכו“ און דער פארשטיקטער שליוכץ פון פינסקיס „שטומען משיח“ און דער ריח פון שאפּיראס „פארבלוטיקטע ווייסע חלה“ און מיטאמאל גיט א זעץ די פייק פון האלפערינס „גאסן־פויקער“, און עס צעטראגט זיך די דינע פלייט פון מאני לייבס „יינגל צינגל“, און דאס פארכישופטע געזאנג פון מאנגערס „בלויען ייד“ און עס נעמען זי אלע אדורך ניגערס שטילע ברכות און ריווקינס „עקסטאטישע אויסרופן“. און אט מיטאמאל א געיאמער און געוויין פון דורות, און איבערן געיאמער א ניי געזאנג פון ארבעטסמאן, פון אקערער, פון א זייער און פון א שניטער.

איז עס דען ניט א וואונדערלעכער טיש מיט אויסטערלישע סימבאלן און עמבלעמען איבער אים?

לייוויקס דיכטונג שטעלט אים אין די פאדערשטע רייען ניט נאר פון דער יידישער פּאעזיע, נאר אויך אויף א בכבודיקן פּלאץ צווישן די גרויסע מייסטערס פון אלע אומות העולם.

מ ש ה ד א מ ב

## יאנאש קארטשאק (הענריק גאלדשמידט)

### צום הונדערט יעריגן געבורטסטאג

האנס קריסטיאן אנדערסאן איז בארימט מיט זיינע מעשהלעך פאר קינדער, „די שוועבעלאך פארקויפערן“ „טאמבאלינא“ „די פּויאסע קאטשקע“ אמיציע איז א בארימטער קינדער שרייבער, פעסטאלאצי, א גרויסער קינדער פעדאגאג, אבער קארשאק האט זיי אלע איבערשטיגן מיט זיינע



טאטען. דער יידיש־פוילישער פּאעט שלענגעל האט געשריבן אין א ליד:

היינט האב איך זיך געזען מיט קארטשאקן
ווו ער איז געגאנגען אין לעצטן מארש
די קינדער אויסגעצוואגען ציכטיג ריין
ווי אין א יום טוב שפּאציר פול מיט זונען־שיין.

קארטשאק איז געווען פּראפעסאר אין פוילישן מלוכישן אינסטיטוט, אין דער יוגנט איז ער בארימט מיט זיינע קינדער דערציילונגען, ס׳איז געווען בארימט זיין טעזע: די וויכטיקייט פון קינדהייט דעצידירט דעם כאראקטער און פסיכיק און צוקונפט פון מענש, ער האט זער ליידנשאפטליך פארטיידיקט די רעכט פונם קינד. ער האט געשריבן: א ניט פריידיקע קינדהייט מאכט דעם מענש פארקריפּלט, אויפן גאנצן לעבן״ רעוואלוציאנעריש זענען געווען זיינע רופן מ׳זאל דעם קינד געבן פרייהייט אין דיסקוסיעס און דעצידירונג אין זיין גורל, דאס קינד האט רעכט צו כבוד אין ערנסטע באהאנדלונג, ניט בלויז און די שפּילערייען און אין זיינע פריידן און ליידן, נאר אין אלגעמיינעם לעבן, אין א פּאעטישן רעפּארטאזש שרייבט שלענגל: „כ׳דענק אין די מינוט געוועגליך, פאר איראפּע איז ער כמעט גארניט, ניכטיק, אבער פאר אונז האט ער געשריבן דאס שענסטע קאפּיטל געשיכטע ווי אויף דעם פראנט מאכט דער טויט גארניט בארימט. אין דעם טויטן־טאנץ צווישן נעכט איז ער געווען דער איינציגער שטאלצער יידישער העלד אין אויפזעער פון יידישע קינדער יתומים. די געסטאפּא רוצחים האבן אים געוואלט באפרייען מיט א באדינג ער זאל זיך באפרייען פון די קינדערלאך כדי זיי זאלן אוועק צו גאז־אויוונס אין טרעבלינקע קארטשאק האט זיך קאטעגאריש אפּגעזאגט. ער האט גענומען דאס שוואכסטע קינד אויף זיינע ארעמס און מארשירט צום פארקאלכטן צוג וואס האט זיי אפּגעפירט קיין טרעבלינקע, די קינדערלאך האבן זיך כסדר געפרעגט: ווי אהין גייען מיר?. . . קארטשאק האט זיי גוטמוטיק בארואיקט: מיר גייען צו א בעסער וועלט . . אויבן, אויבן .

אפילו אין מיטלאלטער וואלט דאס געווען א שאנדע פאר די ציוויליזאציע אין קולטור, און אין היינטיקן יארהונדערט דערקענט מען דעם מיטלאלטער, א פארברעכן זענען די פּיראמידן, די געצנדינערישע געביידעס אין די ריזיקע גריכישע זיילן, וויפל בלוט האבן די שקלאפן פארגאסן ביי דעם אלעם? פּלאטא דער גרויסער פילאזאף איז ניט גערעכט ווען ער זאגט: אויף די ערד זענען דא גרויסע אידעאלן . . . ס׳איז דא בלוטיקע פארברעכערישע ארבייט, מענשן האבן געבויט די פּיראמידן, געגראבן מארמאר פאר געצנדינערעשע געביידעס, שווערע שטיינער פאר לאנגע וועגן. אט דאמאלס האבן די פירערס געשריבן דיאלאגן און דראמעס בארעכטיקט מיט דעם האס פאטערלאנד, די קנעכט זענען שמוציג הונגעריג און שטארבן, זיי זענען געווען עסטעטיקער און דיסקוטירט איבער גארניט. ס׳איז ניטא שיינקייט איב דער מענש ליידט, ס׳איז ניטא גע־

רעכטיקייט אייב מען מיידט אויס די אלע ליידן ס׳איז ניטא גוטסקייט אייב מען ערלויבט די אלע שלעכטקייטן . . .

וואלטן די דייטשע רוצחים חלילה געזיגט, וואס וואלט די צוקונפטיקע וועלט געוווסט פון די שוידערליכקייטן און גרויזאמקייט פון גאז־קאמערן און פארברענען מענשן לעבידיקהייט . . . ס׳וואלט געווען ווי נאכן מיט־אלטער. קיינער וואלט ניט געוווסט פון זעקס מיליאן פארניכטעטע יידן, פאעטן וואלטן געזינגען לויב געזאנגען פאר די זיגער, שרייבער וואלטן געשריבן עפאטעען, ווערק וועגן שיינקייט, גוטסקייט און אמת, זיי וואלטן געשאפן א נייעם גלויבן קיינער וואלט ניט געוווסט אז ס׳איז געווען א גרויסער ייד וואס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם מיט צוויי הונדערט אומשולדיקע יידישע קינדערלאך, קיינער וואלט ניט געוווסט אז ס׳איז געווען א גרויסער העלד און קעמפער מרדכי אנילעוויטש, די צוויי יידן זענען דער סימבאל פון יידישן גײַסט איבער דער גאנצער וועלט, די וועלט געשיכטע קען זיי באין אופן ניט אויסמיידן.

ע ל א  ז י ל ב ע ר ג

## ניט צו דערקענען

זי האט לאנג שוין פארגעסן,
ווי זיך צו פרייען,
איר לאכן עס קלינגט שוין נישט מער.
און אירע אויגן,
פארטונקעלט פון טרויער,
אין הארצן קיין וואונטש, קיין באגער.

צי דאס איז די זעלבע,
איך קען קוים איר דערקענען,
די שיינקייט וואס אמאל זי געווען,
א זינגענדיק פויגל,
א גלאנציגער שטערן,
קיין בייזקייט און איר ניט געזען.

דאס האט דאס לעבן,
איר ביטערער גורל,
בארויבט איר פון אלץ וואס איז גוט,
חוזק געמאכט,
פון איר גלויבן און ליבע
פארסמ׳ט אירע יארן און מוט.



באקלאג איך מיט טרויער,
די חבר׳טע טרייע,
וואס לעבט אין דער פינסטער אליין.
פון אלע פערלאזן,
פארקלעמט אין יסורים,
ניטא, ווער ס׳זאל זי פארשטיין.

## פ ע ר ל א נ ג ן . . .

גיב מיר צוריק,
מיינע קינדערשע טעג,
די פעלדער פארזייטע,
דעם זאמדיגן וועג.
ברייננ מיר צוריק,
צו מיין שטעטאלע קליין,
לאז מיך נאך איינמאל
דערזען מיין אלט היים.

ברייננ מיר צוריק,
צו דעם אוראלטן וואלד,
לאז מיך דערהערן,
דעם ווינט ווי ער שאלט
ווי עס שעפטסן די ביימער,
ביי טאג און ביי נאכט,
ווי עס בליקט די לבנה,
אזוי טרויעריג פערטראכט.

גיב מיר צוריק,
מיינע קרובים און פריינט,
איך בייינק נאך זיי שטענדיק,
זיי פעלן מיר היינט.
נעמצו די שטאט
מיט איר לוקסוס און שיין,
כוואלט אלץ דאס אפגעבן,
פאר מיין שטעטאלע קליין.

## שטערן אויף מיין וועג

לעאן ליבגאלד איז דער היינטיקער פרעזידענט פון ארטיסטן־פאריין אין ניו־יארק; עס איז זער אינטערעסאנט צו וויסן ווער עס איז לעאן ליבגאלד — א קינד פון יידישע אקטיארן אין פוילן.

דער פאטער זיינער, זלמן—סאלאמאן— איז געווען דירעקטאר פון קראקעווער יידישן טעאטער אויף דער באכענסקי גאס נומער 7. אגב האט זיין מוטער, באשע, געשפילט מיט מיר אין ווארשע אין טעאטער אויף דער זאמענהאפא גאס נומער 9 און אויך אין ביאליסטאק.

זיין מוטער, אין די מיטעלע יארן, איז געווען גאר א פיינע יידישע אקטריסע און דערצו זער א שיינע פרוי, מיט א ווייסן קאמפלעקס, שיינע שווארצע האר, צוויי שווארצע אויגן ווי ברילִיאנטן.

לעאן ליבגאלד האט אנגעהויבן שפילן טעאטער מיט קינדער־ראלן. א שיינער, הויכער יונגער אקטיאר, איז ער געקומען קיין ווארשע און איז באלד אריינגעטרעטן אין א רעווי־טעאטער, וואס האט זיך גערופן „די באנדע". דארט אין דער טרופע האט זיך געפונען א שיין, שלאנק מיידעלע, לילי לוליאנא, און די צוויי האבן זיך פארליבט איינס אין אנדערן.

עס געדענקט זיך, ווי עס וואלט געווען יעצט, אין א פוילן זאאל מיט אקטיארן און אקריסעס אויפן דריטן שטאק, לעשנא גאס נומער 2, פלעגן זיי זיך שפילן אין כאפעלעך, ארומגעיאגט זיך צו כאפן איינס דאס אנדערע. האט לעאן ליבגאלד זי טאקע געכאפט און מיט איר חתונה געהאט

זיי האבן זיך איינס דאס אנדערע פארטנערירט און מיט גרויס דערפאלג; האבן אפילו געשפילט דערפאלגרייך אין עטלעכע פילמען.

בעת לעאן ליבגאלדס שטימע איז געווען באריטאן־טענאר. פאקטיש. האט זיך זיין שטימע נישט געענדערט נאך אזויפיל יארן, הערנדיק אים ערשט נישט לאנג זינגען אין דעם סקעטש „אפרים גריידיגער", און וועלכן בען באגאס האט געשפילט אפרים גריידיגער און לעאן ליבגאלד — דעם חסידישן פראצענטניק. ביידע זענען זיי געווען ערשטקלאסיק.

אומפארגעסלעך זענען געווען באנוס און לעאן ליבגאלד, דער ערשטער אלס אפרים גריידיגער און דער לעצטער אלס דער פראצענטניק אין דער סצענע, אין וועלכער אפרים גריידיגער קומט צום פראצענטניק, אז ער זאל אים בארגן א גאלדענעם בעכער צו מאכן קידוש אויף אן ארעמער חתונה. א קורצע צייט שפעטער קומט אפרים גריידיגער צום פראצענטניק אנזאגן א גוטע בשורה, אז דער בעכער איז געלעגן געווארן און געהאט א קליין בעכערל! דער נאאיווער חסיד גלויבט אים און פריידט זיך זער. אבער אביסל שפעטער, ווען אפרים גריידיגער דארפט אויף שבת, פארקויפט ער דעם בעכער און קומט צום פראצענטניק מיט א שלעכטער בשורה, אז אן



אומגליק איז געשען — דער בעכער איז געשטארבן . .

— וואס הייסט — שרייט דער פראצענטניק, מיט טרערן אין די אויגן — ווי קען א בעכער שטארבן ?!

ענטפערט אפרים גריידיגער :— איר זעט דאך, אויב א בעכער קען געלעגן ווערן און א קליין בעכערל, איז אויך מעגלעך, אז א בעכער קען שטארבן!

יעדנפאלס איז דאס נאר איינע פון די ראלן, אין וועלכע איך האב געזען לעאן ליבגאלד שפילן. און וואס קען מען זאגן ווי לעאן און לוליאנא האבן זיך אויסגעצייכנט אין משה בראדערזאנס א דועט, „בלאטע יאטן", מיט זייער זינגען און טאנצן!

ווי זאגט דאס פאלקס־ווערטל, אז דאס עפעלע פאלט נישט ווייט פון ביימעלע. איז טאקע לעאן ליבגאלד אויסגעוואקסן א פיינער און שיינער יידישער קינסטלער. נאר דאס יידישע טעאטער־מזל שלאפט, נעבעך! אין א שטאט פון דריי מיט א האלבן מיליאן יידן איז נישטא קיין איין יידיש טעאטער, און אזעלכע פנע, טאלענטירטע דישע קינסטלער בלייבן זיצן מיט פארלייגטע הענט.

געדענק איך דאך ווי, קומענדיק קיין אמעריקע אין יאר 1951, האב איך נאך געפונען זעקס טעאטערס אין ניו־יארק פון א קימא־לן פון זעכצן. איצט אבער איז שוין אפילו נישטא קיין איינס . . .

אמאליקע צייטן אין רוסלאנד אונטערן צאר, אז יידישע אקטיארן האבן געשפילט יידיש טעאטער, האט מען די פלאקאטן געמוזט דרוקן אויף רוסיש און דייטש, וואס יידן האבן שרעקלעך באדויערט, פילנדיק, אז זיי זענען יידן. היינט אבער אין אמעריקע זענען דא זעקס מיליאן יידן קיין עין־הרע נאר קיין יידיש טעאטער איז נישטא! טא וואו איז דאס יידישע פאלק?

פאר מיין אוועקפארן פון ניו־יארק קיין ענגלאנד האב איך, טאקע דער שרייבער פון את די שורות, געפרעגט אונזער חשובן פרעזידענט פון יידישן ארטיסטן פאריין, לעאן ליבגאלד, צי דאס יאר וועט יא זיין א יידיש טעאטער, האט ער מיר געענטצערט בזה הלשון:

— דערווייל וויסן מיר גארנישט. נאר לאמיר האפן, אז יא. מען מוז דאך האבן בטחון!

אבער היינט־צו־טאג איז דאס יידישע טעאטער־פארגעניגן געשטארבן אין ניו־יארק, ווי דער גאלדענער בעכער ביי אפרים גריידיגער . . . צום באדויערן.

## א שטעקעלע ארײַן, א שטעקעלע ארויס

אמנים אז די קאנפערענצן, קאנגרעסן מכוח יידיש האבן דאך א שטיקל פעולה געהאט; עס טוט זיך עפעס אינם יידישן וועלטל — אפילו ביי אונז דא אין אונזער וועלטל.

א נייער זשורנאל גייט ארויס אנגעפיקעוועט מיט יידישקייט און מיט פיקטשערס. און דער חשובער גאסט אינם „קולטור־ווינקל“ דוב סדן, האט איפגעוועקט אונזער איינגעשלאפנקייט — מ׳האט געפילט תלמיד־חכם בא לעיר: פארזאמלונגען, באגריסונגען — כן ירבה.

די יידיש לעקציעס אין הלל־הויז, אונטער די לייטונג איצט פון חבר חיט האבן זיך נישקשהדיק צעוואקסן — פון א מזומן איבער א מנין און די יידיש גרופע אין גאלדערס־גרין גייט מחיל אל חיל.

אונזערע יידיש־ליטעראַרישע נאכמיטאגס פייערן האיאר דאס 40 יאר ווי זיי גייען אן משבת לשבת מיט רעפעראַטן איבער יידישע ליטעראַטור און קולטור. מיט לייענען פון אונזער ליטעראַטור און מיט זינגען יידישע פאלקס לידער און ס׳מערקט זיך פון שבת צו שבת ווי דער עולם ווערט גרעסער.

• • •

אין אונזער וועלטל, צומאל דא אזויפיל זיך טוט,
ערשט אנדערש־וואו — א גרויסער סימן, אז מיר לעבן!
גוט צי, חלילה, שלעכט? אז וואס ווייסן מיר הערפון?
דער עיקר, דאס געראנגל ווערט נישט איפגעגעבן.

געראנגל צווישן זיך, צווישן די ברידער, איז ספארט!
פרישע כחות, געזונטערע ווידער צו קריגן — —
און אויב די קאמפנדיקע זיינען נאר ערלעכע,
וועט זיכער נישט דער שטארקער, נאר דער אמת זיגן.

וויאזוי בלויז דערקענט מען ווער ס׳איז דער „ערלעכער“
און ביי וועם דער גאנצער עסק — תורה מ׳גראשן?
ס׳גאנצע לייב־און־לעבן גרייט זיין אוועקצוגעבן —
ווי מאמע פאר קינד. מ׳מוז קעמפן פאר מאמע־לשון.

„החיים והמות ביד הלשון“!
ערשט יענע גאלד־הענטלעך וואס האלט אין אייך שרייבן —
כאטש אין אלע אומשטערבלעכקייטן אריין,
מיר קלייבן זיך מיט אונזער געשרייבן צו בלייבן.

יא בנוגע אונזער זשורנאל „לשון און לעבן“ ס׳איז געווען א צייט ווען מיר האבן געהאט דא אין לאנדאן איבער צוויי מנינים יידישע שרייבער און אלע האבן אין אים מיטגעארבעט האבן מיר שוין באלד מער רעדאק־



טארס ווי שרייבערס איז מילא, זאל די ברכה אריינקומען — די לעצטע דריי יאר — איז ער שוין א דריי־חדשימניק — אקארשט נישט ערגער!
טא ענטשולדיקט! מוז מיר זיך טאקע צוזאגן ער זאל נאך ארויס לכבוד חנוכה האיאר.

און דאס איז, מסתם, דער טעם וואס איבר חנוכה איז נישט קיין עקסטרא מסכתא אין משניות. איבער פורים איז דא. איבער אלע ימים־טובים, אפילו אן עקסטרא מסכתא איבער ביצה שנולד ביום־טוב, און איבער חנוכה — לא! כאטש א מחליקה פון בית־שמאי און בית־הלל איז פאראן איבערן סדר פון אנצינדן די חנוכה־ליכטלעך. מסתם ווייל „רבי דאתא מדוד“ האט נישט געוואלט דערמאנען: די חשמונאים־כוהנים האבן דאך פארכאפט די דוד־דינאסטיע.

אין יידישן פאלקלאר, וואו די מלכות־בית־דויד ראלע איז צוריק אריין אין איר משיח־גאלעריע, איז דער נס־גדול היה שם״ אויפן דריידערל גאר: „נטע גנב האקט שלעסער“! און „שרגא“ — ליכט — איז גאר: „שעל, רויט, גרין אייכל!“ אלע פיר שטיקלעך טרומף! און דער ייד, וואס שרייט עס אויס—האט געוואונען! און ס׳איז אים ליכטיק אין די אייגן.

אפילו דער פזמון פון די עשרה־בטבת־סליחות זינגט זיך א ייד צו ביים איפדעקן די קארטן ביים געווינען:

„אבותי כי בטחו, האסטו נישט?
ברידער וואס האסטו? לאז ס׳געלט,
האסט מלכה, מלך, אויפן טיש,
נעעם איס“.

## „לשנה אחרת קבעום להלל והודאה“

„יאמר נא ישראל“, „יאמר נא בית־אהרן“,
אבער דער בית־דוד אינם הלל נישט שטייט;
אפנים נישט נאר מיט די יונים דער שטרייט,
ר׳איז אויך אנגעגאנגען צווישן אייגענע לייט.

טאקע איבער דעם שנאת חינם, אפנים,
ווארטן מיר אויף דעם בן־דוד אזוי לאנג
אן עני רוכב על“ — אבער זיין ראנג!
און „מלך שמחל על כבודו“ — פאלג מיך א גאנג.

ווען איך וואלט נישט מורא געהאט וואלט איך געזאגט:
(מילא, ביים נתנה־תוקף מיך כאטש פארקלאגט!)
פארוואס טאקע רופט מען דעם גואל משיח׳ן?
ווייל עס גראמט זיך, אויף מאמע לשון, מיט קריכן.

## האזארד־שפיל

(וואריאציע לכבוד חנוכה תשל״ח)

א

אין די נעכט פון הימל קוקט
רק לבנה־האק אראפ —
פארנעפלט אויף זון־טעלער,
אויסגעבלוטיקט ס׳ליגט א קאפ.

פארלאשן מארגן־שטערן,
לעצטער גראשן איינגעשטעלט —
כארכלדיק א כראקע טון,
אויף דער פארזשאווערטער וועלט.

לעצטער גראשן אויסגעשפילט
געבליבן ביים אונטער רויט — —
צי בלייבט דען עפעס אנדערש,
ווי ס׳ציקער־שטריקל — דער טויט ?

ב

„איינגעשטעלט״ אויף דער לעצטער קארט,
אויף טויז רויט, אויף אונטער אייכל;
די פיקע געשפיצט שוין נא שטיק,
אויף אלרייטניקס געשפיצט בייכל.

אויפן בראך־שטול די זונה־וועלט,
פון־זינען־אראפ — פון וויינען !
פולע לבנה סטעלערל געלד,
חי־ק״ק אלץ וואס צו „געווינען״.

מען האלט דאך שוין ביים „אויסנעמען״
טא כאטש מזכיר זיין די מתים — —
איינגעהילט אין נעפל־סיבות,
גרויע הימלען די טליתים.

(סאנעט׳
דרוסין א זאווייערוכע, א ווינט,
אין שטוב חברה ביי א קערטל,
אײנער האלט זיך ווי ביים בערדל,
די אייגעלעך לויפן געשווינד :



קודם צוויי מיט נאך א פערטל,
איידער נאך די קארט איך זע — בלינד !
און אויב מיין טויז רויט נישט געווינט,
איז מיין מלכה ווערט א צערטל.

ביי דעם, וואס אקייגן אים זיצט,
הער בליק פייערדיק זיך צעבליצט,
שפרינגט אויף א ווילד־צעהיצטער : „איך העק !״

דרויסן זאווייערוכע, א שניי — —
פאר לאטקע איצט מיט א גלאז טיי,
גאנץ עולם־הבא כאטש גיב אוועק.

## אזא גראמען־שפיל לכבוד חנוכה תשל״ח

א

בלינד צעמישט א קארט געצויגן,
אזא האזארד־שפיל דאס לעבן !
א סטראשע אינם געלט־טעצל,
א הילכיקן קלונג ס׳זאל געבן.

יא, מיר נאר די איינגעשטעלטע,
די שפילער — גאט און דער טייוול,
און ווער נישט געווינען עס זאל,
העכער נאר דאס מתים־הייפל.

און עס ציט זיך שוין אזוי־א, ,
פונם גאר ערשטן גן־עדן,
און ווער נישט אויסנעמען עס זאל,
ס׳אדמל, נעבעך, מוז ליידן.

שוין גארנישט געבליבן פון מענטש,
אויף אונזער פעל איצט זיי שפילן,
ווארעמען פעלץ זיך צו מאכן,
חלילה, זיך נישט צו פארקילן.

ב

און אז נאך א לעבן לעבן,
אלע ביכער אויסגעלעזן,
אנדערשט ס׳מענטשל שוין ניש ווערן,
בלייבן תמיד וואס געוועזן.

די נעגל נאר געשליפענער,
שארפער, שפיצער די ציינער,
און מיט איין חיהשן שלינג שוין
פארשלינגען ס׳פלייש מיט די ביינער.

טיפסטע פסוקים, שענסטע סטראפעס,
נאך געהויבענער אנשרייבן,
און ווי נידריק מענטשל געווען,
נאך געזונקענער ר׳וועט בלייבן.

אז וואס דער גאנצער עסק?
צומאל קליגסטער נישט געטראפן!
ס׳איז דער סך־הכל דער זעלבער,
מיט בלאפן צי מיט אין־סופן —

עיקר שכחתי: דרייט זיך ארום א בחור און שרייבט זיך זיינע לידלעך. פארגינט מען אים נישט, מ׳יאגט אין א זקנה. ניין, כ׳וועל מיך נישט לאזן! אבער אף על פי כן דאנקען מוז מען. וועל איך יוצא זיין צו אלע וואס האבן מיך באגריסט, פריינט און אינסטיטוציעס מיט די אכט געגראמטע שורות.

— פאר אלע מיינע פריינט און חברים צום באגריסן מיי־
צו מיינע שמונים —

איר האט מיך געטון דערמאנען,
אז איך בין שוין אכציק געווארן:
מיך געמאכט ציטערן, נעבעך,
איבער מיינע אלטינקע יארן:

מילא, וואס איז זיך צו יאגן?
וועל איך מיט א שטעקן צוקריכן!
און אז מיט א שטעקן, וואס איז?
קאן מען אויך קייגנגייען משיחן.



## „אם בגבורות שמונים שנה“

פרקי אבות

„אם בגבורות — אויב ביי די קרעפטן,
גוף גייט און מיט זיינע געשעפטן,
צו ווערן א בן שמונים ס׳האט די ווערט,
אויב אבער אים שוין „אונטערבייטשן“— — —

אזוי די משנה צו פארטייטשן,
פון מיין טאטן ז״ל דאכט זיך געהערט.

ווי אסיען הימל גרוי־פארצויגן,
גאר נישט ווייניקער מיינע אויגן;
ווי די לעצטע שוואלבן פון נעסט ארויס,
לעצט ביסל כוח אוועקגעפלויגן — —

טא צי וואס די יארן נאך טויגן?
באמת א מין לצנות נאר בלויז.

## בן שמונים לגבורה

1

א בן שמונים ווערן
און נאך קאנען אנגיין,
וואסער „דערויף־גייער“
מען מוז דאס קאנען זיין.

און וואסערע טונקלע בריל
מען מוז דאס דעמלט גיין,
קאנען נאך קוקן וועם
אין די בליקן אריין.

מען מוז האבן א הארץ
פון הארטן קיזלשטיין;
ביים ביסן־ברויט בייסן,
א מויל פול פאלשע ציין.

מיט א פעסטן שטעקן
מען מוז שוין דעמלט גיין;
איבער קאפ וועם געבן,
אליין צו קענען שטיין.

אין אונזער מיאוס וועלטל
צו שמונים צו דערגיין,
א גרויסער מנובל
מען מוז שוין זיין אליין.

)יש אומרים, ביי מאנכע
איז אזוי גאר דער טייטש:
מ'ווערט אלט און גרוי מוז מען
אין האנט האלטן די בייטש —

„בן שמונים לגבורה„
ווען נישט, וועט יעדער כלאפ,
א לויז קריכן אויף דיין
גלאצע־צעגלאצטן קאפ.

אזוי צי אזוי גאר,
וואס שוין דער חילוק גרויס?
יונגער וועסט נישט ווערן,
נאך א יערל אין אויס.)

2

אז וואקלען סיי ווי סיי
זאל עס זיין פון א טרינק
נישט א פארטיי־פארטאטש:
היינט רעכט און מארגן לינק.

איז לחיים גארגל!
וואדקא צי כרמל־וויין,
וואסער אונטערשיד שוין?
און — ונאמר אמן.

דויד בערמאן

## סעם גאלדבערגס מזל-טוב פראדאקשיאן

דאנערשטאג, דעם 24סטן נאוועמבער אין אונט, איז פארגעקומען אין דער קאנוועי־האלל, לאנדאן די גרויסע פאלקס־פארשטעלונג „זאגט אונז מזל־טוב״, אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט, אחוץ סעם גאלדבערג אליין, טעאטער־סטארס און סטארס פון ראדיא. עס איז געווען א גרויסער סוקצעס.

צוזאמען מיט אונזער ליבן סעם גאלדבערג זענען אויפגעטרעטן די סאפראנא־זינגערין רעני באר, דער העלדן־טענאר דערעק ווילקס און דער וואונדערבארער יונגער קאנטאר משה דובינער, ווי אויך דער רעציטאטאר נעט רובין, וועלכער איז אונז אזוי גוט באקאנט פון די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס״.

עס האבן זיך אויך באטייליקט דריי פיאניסטן: ראוז לואיס, חיים ליפשיץ און ראלף קליין, וועלכער באגלייט געווייינטלעך א צאל חזנים אין זייערע אויפטריטן.

ספעציעל פאר דעם דאזיקן אונט האט סעם גאלדבערג אנגעשריבן „זינגט אונז מזל־טוב״, „א בריוו פון פאלעסטינע״, „דער יידישער טשיינא־מאן״ און אויך פארפאסט מוזיק צו א ליד פון איציק פעפער „איך בין א ייד״. אט די דאזיקע זאכן האט סעם גאלדבערג פארגעטראגן פארן עולם צווישן זיינע נומערן. ווי אלעמאל איז ער אליין, סעם גאלדבערג, געווען די הויפט־קראפט אויף דעם אונט, ספעציעל מיטן דועט „געטרייע ליבע״.



יא, ער איז א וואונדערבארער שוישפילער און פאלקס־זינגער. ער זינגט און טאנצט, רעציטירט און פארפאסט אליין מוזיק. און דארף מען, שרייבט ער טיילמאל אויך ארטיקלען אדער באריכטן, וואנדערנדיק פון לאנד צו לאנד און פארשאפנדיק פרייד און פארגעניגן יידן אומעטום.

איצט האלט זיך אין גרינדן א קאמיטעט, וואס וועט זיך פארנעמען מיט פייערן סעם גאלדבערגס יובל — פופציק יאר אויף יידישע בינעס. אין אט דעם קאמיטעט וועלן זיך באטייליקן פון די אנגעזעענסטע יידן פון יידישן פאלק.

האט דאך סעם גאלדבערג געשפילט יידיש־טעאטער אין לאדזש, ווארשע, גראדנא, ביאליסטאק ווילנע, קראקע לעמבערג און אויך אין א ריי קלענערע יידישע שטעט און שטעטלעך. מיטן גרויסן שלאגער, „א קאטערינזאזש בין איך״, האט ער אמאל פארענדיקט, שפילנדיק אין פאר־מלחמהדיקן ווילנע.

די אויפפירונג „זאגט אונז מזל־טוב״ וועט לאנג לאנג בלייבן אין זכרון און אין די הערצער פונם בייגעוועזענעם עולם, וועמען עס בענקט זיך שוין וואס שנעלער ווידער בייצוזיין סעם גאלדבערגס א נייע אויפ־פירונג, איבערהויפט די יובל־פייערונג זיינע.

אייזיק גאלדבערג

## — אברהם ערלעכמאן ע״ה —

עס טוט ווי ווען מען רירט זיך צו אנצושרייבן א פאר ווערטער וועגן א פריינט און חבר וועלכער איז אוועק אין דער אייביקייט . . .

אברהם ערלעכמאן האט אנגעהערט צו דער סאציאליסטישער יידישער אנארכיסטישער באוועגונג. אויך האט ער געהאט א ליבע צו ישראל. בכלל איז ער געווען א לאיאלער מענטש און ייד, זיך שטענדיק ארומגעטראגן מיט חלומות און אידעיאלן פון א פרייע וועלט און א בעסערע צוקונפט פאר יידן און מענטשן בכלל.

ער איז נאך געוועזן פון דער אלטער סאציאליסטישער באוועגונג פונם אנהויב יעצטיקן יארהונדערט. געלעבט אונטער דער צאריסטישער אונטער־דריקונג איבער די ארימע קלאסן און די יידן. ער האט זיך ווי אין די אמאליקע צייטן ארומגעטראגן מיט דעם „וועלט־שמערץ״. און געגלויבט אין א וועלט באפרייאונג פון דער מענטשהייט.

שפעטער האט ער אויסגעוואנדערט נאך פאריז געווארן דארט א תושב געפינען אויך דארט זיינע חברישע קרייזן, זיך אויסגעלעבט אין יידישע קולטור־ספערן. ער איז מיט דער צייט באקאנט און באליבט געווארן. זער פיל חברים און פריינט וועלן אים אין פראנקרייך צום גוטן געדענקן.

נאך דער מלחמה איז ער מיט זיין ליבע פרוי אסתר צו לאנגע יארן

געקומען נאך לאנדאן. אויך דא האבן זיי געפונען חברים און פריינט אין פאליטישע און יידישע קולטור־קרייזן, זיך געקאנט גייסטיק אויסלעבן, און געווארן אין לאנדאן א תושב.

זיי האבן זיך אנגעשלאסן אין דעם „פריינט פון יידיש לשון". געהאט א מעגלעכקייט צו האבן א מיינונגס־אויסטויש וועגן יידישע ליטעראטור קולטור און אנדערע פראבלעמען. ער איז געווען באהאוונט אין יידיש וויסן, מיט דעם האט ער געלעבט און געאטעמט זיין גאנץ לעבן!

ליידער איז ער פון די לעצטע פאליטישע געשעענישן און פארטיי־ענדערונגען ענטוישט געווארן. דער „סאציאליזם" איז געווארן דעמאגאגיש אויסגעטייטשט . . און אלס א פרייער אינדיווידואליסט האט ער געפונען א באפרידיגונג, קומענדיק צו די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס", אנגעפירט פונם דיכטער א. נ. שטענצל, דא האט ער געפונען א פרייע טריבונע, ווי ער האט זיך געקאנט פריי ארויסזאגן זיין מיינונג אקעגן און לטובות סאציאליסטישע און ציוניסטישע פראבלעמען פון דער לעצטער צייט. ער איז געווען א גייסטיקער מענטש און געהאט זיינע פארדינסטן, ווער עס איז מיט אים נאענט געווען, וועט אים אלעמאל צום גוטן געדענקן:

באזונדערס זיין ליבע פרוי די שרייבערין אסתר ערלעכמאן, האט פארלוירן, אחוץ איר מאן, אויך א גייסטיקן פריינט און חבר, זאל זי געפונען א טרייסט אין זיין גוטן נאמען וואס ער האט איבערגעלאזט. כבוד זיין אנדענקן.

שיע טענענבוים

## ליד אין פאסטנאכט

— אין געמיט פון לו־טאו־פא —

א שטערן פאלט אין עמער,
פול מיט גאלדנעם ווין.
וואו איך זאל נישט זיין,
היל מיך אין, דו דעמער! . . .

אין גארטן וועלקט א רויז;
זי וויל איך זאל זי קושן.
אויף שווארצע פערד — דערווישן
צום וואלד רייטן ארויס . . .

ס'איז אוואנט. איך שפאציר
אליין מיט שטילע טריט.
לבנה־רויז שוין בליט
אין טענער פון קלאוויר . . .



איך הער די מעלאדיע —
די זיסעסטע פון אלע.
אויפן געלן הארבסט־וועג
גענענט די נאכט — מיין כלה . . .

ניו־יארק, 16טן
נאוועמבער, 1976

אייזיק גאלדבערג

## — חתן־בחור —

(געווידמעט צו דער חתונה פון מיין משפחה, הענרי דרוקער)

מען רופט אים, הענרי,
אויף יידיש, דאכט זיך הענעך?
נאר, וואס איז דער חילוק
אבי, אים טאקע מיין איך.

מיט עטלעכע צוואנציק יאר,
ס'איז ערשט נישט לאנג צוריק,
זענען טאטע־מאמע געווען,
פול מיט פרייד און גליק.

דאמאלס, א קינדעלע געבוירן,
וואס האט זייער וועלט באשיינט,
יא, א יונגעלע א שיינס,
כ'געדענק עס נאך ווי היינט.

פונם יונגעלע געווארן,
איז א בחור'ל, גאר פיין,
מיט א שווארץ געלאקט קעפל,
פל מיט יידישן חן . . .

זיך יידישקייט גלערנט,
ווי היינט עס איז דער שטייגער,
א ביסל, ביי טאטע־מאמע,
דאס איבריקע, אין חדר.

געלערנט, האט ער טאקע,
ביים רבין, רבי לאנדא גאר — —
צ לערנען ביי דעם רבין,
ווערט אלעס, לייכט און קלאר.

פונם יינגעלע געווארן
א מענטש, און א ייד צוגלייך,
מיט בילדונג און מיט שכל,
איז ער גאר, גאר רייך!

יעצט האט דער לעבנס־גורל
מיט א גליק אים באשערט,
מיט א חלק־שני,
וואס ר'האט איר באגערט . . .

מסתמא איז שוין אייבן
געווארן, דער זיווג אנגעשריבן
אזוי איז שוין דער מנהג,
צו גלייבן ביי אונז יידן . . .

ס'איז אויך, דער סדר־העולם,
וויסן דארף דאס, יעדער איינער,
אז אונזער מאמע חוה
איז פון אדם'ס ביינער . . .

און סתם אזוי, עס פירט זיך
ביי עלטערן, איז זייער שטרעבן,
אז נחת פון די קינדער
זיי האפן צו דערלעבן . . .

טא לאמיר האפן, גלויבן
אז גליק וועט זיי באגלייטן
מיט מזל, ברכה, הצלחה,
אין זייערע אלע אייביקייטן!

א. נ. שטענצל

## ווידמונג

(פאר עליזאבעט און קריסטאבעט)

„כשושנה בין החוחים",
ווי וונדיק־וואונדערלעך ס'בליט —
ברענענדיקע דערנער ס'מוז זיין,
אז א רויז אזוי אויפגליט.

מיטן לעצטן טראפן בלוט נאך,
איידער זי אויסגייט און שטארבט,
איר פיטשעדי'ק, מינדסט בלעטעלע
וואונדערלעך־רויט זיך באפארבט.



פארוואונדערט א פויגל צעצוויטשעט,
אין שווערן ווינטער־געשוויג,
איז עס דען נישט ווייל ער דערזעט
א צעבליטן דארן־צווייג?

ווי פארשאטנט און פארפינסטערט,
דאך צעבליט דא אונזער ליד,
ווייל וואס מערער דערנער ארום,
אלץ באשיצטער און באהיט.

2

די רויזן אין די לאנדאנער גערטנער
קיינמאל אזוי שיין געווען ווי היי־יאר;
מסתם פאר דער קעניגין, איר יובל,
וואס געפייערט ער ווערט אצינד — פארוואר.

כ'האב געזען א קינד צו איר צושפרינגען
און א ליד איר געגעבן א דערלאנג;
מן־הסתם פאר איר עס אנגעשריבן — —
אין ביידנס אויגן כ'האב געזען געזאנג.

ווי פארוואלקנט געווען ס'איז דער הימל,
א קוק טון עס צי זען זון איז ארויס!
מן־הסתם כ'וואלט עס זיי צוגעווארפן,
אין דעם מאמענט אין האנט ווען כ'האב א רויז.

3

א, ניין, קיין רויז אין מיין ראק־לאץ איך טראג,
אבער ווען אויף ווייטשעפל געסל־ראג,
נעבן אויפגעטורעמטן שטאק אויף שטאק,
און נאך העכערן, גארנדיקן בלאק,

פון איינגעפאלן אלט ווייטשעפל־הויז
א בלימל פון ציגל־שפאלט ס'שטעקט ארויס,
כ'רייס עס אפ און שטעק עס אין מיין קנאפ־לאך —
א, ניין, אין הארץ אריין, ווי ווי ס'טוט — אך!

און שטאלץ כ'שפאציר איבער ווייטשעפל־גאס,
און אין מיין אויג לייכט א טרער טייאיק־גאס —
פונקט ווי א קינד אמאל אין מיין געבעט!
מיך דאך געראטעוועט דא אויף שפרונג־ברעט.

* *

— קאן א שיינער אסיען־טאג זיין,
אז די מאמע ליגט אין שטארבן,
ארום איר שטייען די קינדער,
ווארטנדיקע, זי צו ארבן?

— ניין, נישט קניפל אונטער קישן,
אויסגענארט מיט פאלשע טרערן,
די לעצטע מאמע־ווערטער נאך
פון איר גוט מויל צו דערהערן;

ווי די ערשטע זיי געלערנט,
ריכטיק זיי ארויסצוזאגן,
ווי מיט שווערע חבלי־לידה
זיי מאמעדיק אויסגעטראגן.

ווי שיין ס׳קאן אן אסיען־טאג זיין — —
פול מיט תבואה ס׳איז דער שייער!
ניין, א מאמע שטארבט קיינמאל נישט — —
געאייביקט, אומשטערבלעך, טייער.

ס׳ווארט מיט מאמעס מילך געזויגן,
מיט גאלד און זילבערע געוויגען — —
אויף דער ערד שוין אויסגעצויגן,
לעבעדיק נאך שטייט פאר אויגן.

* *

יידיש ווערט נישט געשריבן
פון לינקס נאך רעכטס — נאר פארקערט;
מיט שארפן דלאט און האמער,
פארטיפט, אויסגעהאקט עס ווערט.

ווען פעדער שרייבט שווער א ווארט,
מען הערט דאס הארץ קלאפן הויך —
נישט איינמאל אונטער שיידל
מען שפירט ווי ס׳רירט זיך דער מוח.

אן אות־קאנטיקער שטערן!
קוק עס דאך אן, ווי עס זעט אויס:
פון די שטיינערנע לוחות
ממש גענומען ארויס.



ניין, יידיש ווערט נישט גערעדט —
זיס געזונגען מיט א טראפ!
און טיילמאל דווקא זאלציק
א טרער ס׳רינט פון אויג אראפ.

יידיש רעדט מען נישט — מען זינגט
מיט יעדן אבר און גליד,
און ווי קאכט עס אויף — מען הערט
ווי דאס בלוט אין הארצן זידט.

## צו ווייטשעפל

כ׳בין דאנקבאר וואס אין מיין לויפן,
דאך נישט גאנץ פארלוירן געגאנגען;
און מיין דאנק ס׳וועט איבערבלייבן
דאס שרייבן פון מיינע געזאנגען.

אז וואס קאן א געיאגטער מענטש
פונם לעבן מער נאך פארלאנגען,
ווי דאס קענען געבן א דאנק,
ס׳טייערסטע וואס געקענט דערלאנגען?

איבער דער העלפט פון מיין לעבן
אויף שטיקל ערד דא כ׳בין געגאנגען,
און מינדסט ליקל דא באזונגען —
א זון־וויגנדיק פעלד פול זאנגען!

„א צוואנג מיט א צוואנג ווערן געמאכט״,
מיך באצוואונגען מיט אלע צוואנגען,
ס׳לעבן דאך אויסהאלטן קענען
און נאך באזינגען מיט געזאנגען.

ווייטשעפל, ביסטו נישט געווען
די בריק ישראל מיר דערגאנגען?
די פאפירענע! נאך א גאנג
א גלותדיקן אזא לאנגען?

ווערן נישט דיין שער און אייזן
ציענדיקן פאדים דעם לאנגען — —
יא „א מדינה טוט מען נישט
אויף א גילדן טעלערן דערלאנגען״.

## צום גערנטנצל אין וואלענסראוד - גארדנס

אין מיין ווייטשעפל־גערטנדל
נישט פאראנען קיין בלומען־בייטן;
די איינציקע בלומען צו זען,
ווען ס׳בליען די עפלבוים קווייטן.

אן עקרה־בוים צעבליטער,
אין זומער טראגט ער נישט קיין עפל,
אזא איז דער צעצווייגטער בוים
אין מיין גערטנדל אין ווייטשעפל.

א שניי־זאוויערוכע זעט ער אויס!
ווען די בלוטן נעמען זיך שיטן,
בלייבט ער שטיין אזא מין „גרינער״,
קיין פרוכט — און אזויפיל געליטן.

דריי דארן־רויז־בוימער פאראן
בלויז ווער האט כוח זיי צו באגראמען?
בלייבסט שטיין א פארגאפיעטער, א
פארשכורטער פון טויזנט טעמען.

אזש מיט די שכורים ארום
כאטש א באקכוס מיך ארומטרייבן — —
פון זייער געזאנג איך וואך אויף
און זע, א ליד עס טוט זיך שרייבן.

## די אינזל דא

הערשערין פון וועלט ביזט געוועזן,
אין די דאזיקע יארן,
ווען גרעסטער שונא פון יידן,
אויסגעוואקסן זיין צארן — —

און פון דיינע מעכטיקע הענט,
ר׳איז פארשניטן געווארן.

הערשערין פון וועלט ביזט געוועזן,
אין די דאזיקע יארן,
ווען דאס הייליקע לאנד אונזערס,
מדבר־וויסט און פארלארן — —



וווּנדערלעך צוריק אויפגעבליט;
א מלוכה געווארן.

צווישן די גרויסע פון דער וועלט,
דיין נאמען אייביק בלייבן,
אין אונזערע ספרים ביבליש,
מיר וועלן אים פארשרייבן — —

צווישן די גרעסטע פון דער וועלט,
טשערטשילן דיין נאמען בלייבן.

* * *

„יידן־ריין״ ס׳איז דער ווייטשעפל מארק שוין באלד,
אפילו די פישערקע קיין יידישקע מער — —
סמוטנע־טרויעריק מרה־שחוריק איך גיי פארביי,
ווען קיינער זעט, כאטשע אפווישן א טרער.

ציען נאך חסידיש־היימישן סטאמפארד היל,
צי גאר מתנגדיש־נגידישן גאלדערס גרין?
טא שוין גלייכער נאך ציון טאקע תכף,
שפארן זיך קייקלען גילגול מחילות אהין!

ל. באראוויק

## געהילט אין יראה

ס׳מורמלט וואלד געהילט אין יראה,
„זיי מיט גנאד מיך דן, השם״.
און ס׳פארגייט זיך ווינט — א לירע:
„דער פון וועלט, וואלדס צער פארנעם״.

ס׳ברומט א ליד דער ווינט א הימען
צום באשפער פון אין סוף.
אין די הייכן בוויע שווימען
וואלקנדיק ווי סטאדעס שאף.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

467־8 38סטער יארגאנג יאנואר־מאי 1978 לאנדאן

אינהלט

צום 30׳סטן יאר מדינת ישראל, פורים־ און פסח־לידער. נישט פארגעסן און נישט פארגעבן ••• 3
ווארשעווער געטא! ... אסתר ערלעכמאן 19
צום יארטאג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מ. באגדאנסקי יצחק נתני ע״ה ... ש. גאלדשמידט 23
יוסף שמעון וויינשטיין ע״ה ... אייזיק גאלדבערג 24
יום העצמאות, פרילינג־רעגן ... עלא זילבערג 25
ערב־פרילינג 1978 ... א. נ. שטענצל 26
מאיר צעלניקער ... הערי אריעל 30
די קאליר פונם כוס מיט וויין ... שיע טענענבוים 33
צא ולמד — אנוואר סאדאט (ליד) ... יעקב מעלער 33
אן אנטאלאגיע פון דער יידישער ליטעראטור ... סעם גאלדבערג 34
א ליטעראַרישער נאכמיטאג לכבוד רייזל זשיכלינסקי. א. מ. ארזשיצער 36
א שטעקעל אריין א שטעקעל ארויס ... ש. 36

**א הארציק מזל טוב** צו אונזערע פריינט דערעק און פיליפא ריד צום געבוירן פון זייער טעכטערל אביגיל לאה.

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

— „לאז די ביימער ניט פארצערן",
בעט א פויגל באנג אזוי,
„טו, קל רחום, זיי באשערן
ברכה־רעגן זון און טוי".

פנה יום, א שטים געהיימע
אין די רוימען דארט זיך טראגט:
„בענטש דעם וואלד, א, עתיק יומין,
ר׳זאל ניט וויסן פון קיין פלאג".

